№ 8 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 19 lutego 1932. | ליכט-צינדן 4.36 | פרייטאג, פ׳ תצוה י״ב אדר א׳ תרצ״ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

זונטאג, דעם 21 פעברואר ד. י. 8 אָוונט קומט פאָר **אין קאָמעראל = טעאטער**

א גרויסער קאָנצערט

פון יודישע פאָלקס-לידער, חסידישע נגינים און פאָלקס-הומאָר פון דער בעריהמטער און פאָפולערסטער פאָלקס-זינגערין

זמרה זעליגפעלד און דער בעריהמטער יודישער פאָלקס-זינגער און הומאָריסט **מ. קיפּניס.** ביים ר״לאוויר: **איגנאצי שטערלינג**

דער פּראָגראם בעשטעהט פון די פּרעכטיגסטע פאָלקס-לידער, דועטען און פאָלקס-באלאדען פון קיפּניסעס נייעסטער זאמלונג.

יודישע מוזיק, חסידישע נגונים, סקארבאווע מאָטיווען, כעלמער מעשיות און פאָלקס-הומאָר.

בילעטען ביי דער קאסע

קולטור-קאָמיסיע ביים האנדווערקער-פערבאנד אין טשענסטאכאוו.

דינסטאג, דעם 23 און מיטוואָך, דעם 24 לוטי

„לאכען איז געזונד,—דאָקטוירים הייסען לאכען"! שלום עליכם.

2 אָוונטען פון יודישען קלאסישען הומאָר! „געלעכטער ביז טרעהרען"

פון בעוואוסטען ארטיסט-הומאָריסט **לייב שריפּטזעצער** פון ווילנע

אין פּראגראם: **שלום עליכם, מענדעלע-מוכר-ספרים, משה נאדיר, דער טונקעלער, אנטאָן טשעכאָוו, בעראנזשע** א. א.

וויזיטען וועט לייב שריפּטזעצער מאכען: „ביי ר׳ יוזיף׳לען דעם כתרילעווקער צדיק", „ביי ר׳ בנימין לאסטאָטשקע דעם כתרי׳לעווקער נגיד", „ביי ר׳ אָשר׳לען דעם לאנד-שדכן פון יעהופּץ", מאָנאלאָגען, דערצעהלונגען, פּאראָדיען און סאטירע.

די אָוונטען קומען פאָר אין לאָקאל פון האנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12.

אנהויב 8 א זייגער אָוונט. בילעטען פון 50 גר. ביז 1,50 זל.—אין סעקרעטאריאט.

אויב איהר ווילט פערברענגען פריילעך און הנאה האבען, פריינד, פון הומאָר און וויץ דעם מלך זאלט איהר קומען הערען היינט!

מאָרגען, שבת, ד. 20 לוטי 8 א זייגער אָוונטער קומט פאָר אין **פייערלעשער = זאל**

א גרויסער קאָנצערט

איינגעאָרדענט דורכ׳ן שטאָדט-חזן ה׳ **יוסף באַראַש**

ווי אויך **א גרעסערע צאָהל אָרטיגע אמאטאָרען.**

אין פּראָגראם: רעליגיעזע לידער, יודישע פאָלקס-לידער און אריעס פון אָפּערעס.

סאָלאָ-אויפטריטען אויף פיאַנע און פאַרטעפּיאַן.

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט לטובת דעם זקנים און יתומים = הויז.

בילעטען צום פּרייז פון 50 גר. ביז 2,50 זל. צו בעקומען פון 5 אָוונט ביי דער קאסע פון זאל.

קולטור-קאָמיסיע ביים האנדווערקער - פערבאנד אין משענסטאָכאָוו.

מאָרגען, שבת, דעם 20 לוטי 8 אָוונד קומט פאָר דער ערשטער פון ציקל רעפעראטען

פון אינזשיניער ה׳ **ס. פּרזשיסוסקיער**

דירעקטאָר פון דער האנדווערקער-שולע, א. ד. ט.:

„די קוואלען פון ענערג. קראפטען פאר דער אינדוסטריע אין האנדווערקערטום".

איינגאנג פריי.

התראה.

מיר זענען מתרה אונזער לאָקאטאָר ה׳ **יעקב יצחק באָנהארט** בערעק-יאָסעלעוויטש-גאס 6 (פריהער אגראדאווא 11), אז היות ווי עס קומט פון איהם דירה-געלד און אויך פאר וואסער די סומע פון 11 הונדערט זל. און נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר האבען איהם גערופען עטליכע מאל צו א דין-תורה איז ער נישט געקומען.

לכן זענען מיר איהם מתרה, אז אויב ער וועט **אונז נישט אָבגעבען די שליסלען פון געוועלב** (אגב שטעהט דאס געוועלב שוין 3 קווארטעל לעהדיג) **ביז זונטאג, ד. 21 פעברואר** וועלען מיר זיין געצוואונגען דעם ענין איבערצוגעבען דעם געריכט און די קאָנסעקווענצען וועט ער ליידען.

וועט ער אונז די שליסלען יאָ בעלעגען ביז דעם אויבענדערמאנטען טערמין, שענקען מיר איהם דעם גאנצען חוב.

מיט אכטונג

מ. א. לאסטמאן און **י. פשעראָווסקי.**

אכטונג האנדווערקער.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן צוגעשיקטען צירקולאר פון דער האנדווערקער-קאמער נר. 34, דארפען אלע בעלי-מלכות, וואס בעזיצען דיפלאָמען פון צעכען, וואס זענען ארויסגעגעבען געוואָרען פאר׳ן 15|12 1927 יאהר זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט און זיי רעגיסטרירען אין די אמטליכע שעה׳ן, שפעטסטענס ביז זונטאג, ד. 21 פעברואר.

די פערוואלטונג פון

צענט. יוד. האנד.-פערבאנד.

מעלדונג.

צוליעב דעם, וואס ס׳איז פערהאנען א פרייער פלאץ אויף א סעקרעטאר אין האנדווערקער - פערבאנד, ווערען אנגענומען אָפערטען ביז זונטאָג, ד. 21 פעברואר פון 10—1 מיטאג אין סעקרעטאריאט פון האנד.-פערבאנד, אלעע 12.

בעמערקונג: די רעפלעקטאנטען מוזען בעזיצען די יודישע און פוילישע שפראך, בוכאלטעריע, אויך זיין בעהאוועגט אין די ענינים פון די רעגירונגס-אמטען.

סעקרעטאריאט פון

האנדווערקער=פערבאנד.

דאס איינציגע אָרט, וואו מען קען פרעהליך פערברענגען, איז נאָר אין

קאַפע „מעטראָפּאָל"

2 אלעע 29

וואו עס ווערט איינגעאָרדענט יעדען טאָג א דאנסינג.

מיט׳ן דאנסינגאָווע אָרקעסטער פיהרט אָן ס. זיידמאן.

גלייכצייטיג מאכט די דירעקציע אויפמערקזאם. אז דער לאָקאל איז פערגרעסערט און פערשענערט געוואָרען. עס איז אויך צו בעקומען יעדען טאג ווינער פרישטיג און א גאנצען טאג א קאלטען בופעט.

קומט דעריבער אלע זיך ווייליען נאָר אין קאפע „מעטראָפּאָל".

עס ווערט געברויכט א לערן=מיידל צו וועש

PARASOL, II a ALEJA 28.

אָפענע בריוו

אונזער ג׳ מיטארבייטער

ה׳ **מ. קרעמסקי**

צו זיין אבפאהר נאָך פּאריז ווינשט א גליקליכע רייזע

די רעדאקציע.

נישט - האבענדיג די מעגליכקייטען צו געזעגענען זיך מיט אלע מיינע פריינד, חברים און בעקאנטע

צו מיין אָבּרייזע נאָך פאריז

ערלויב איך מיר דורך דער פערמיטלונג פון דער וו׳ צייטונג צו זאגען די אלע

א בלייב=געזונד.

מ. ק ר ע מ ס ק י.

אונזער פריינד

ה׳ **מ. קרעמסקי**

צו זיין אָבפאהרען קיין פּאריז, אונזער הארציגסטען פאהר געזונט

מ. געלבער אין **פרוי.**

אני מברך בברכת מז״ט חמה את ידידי ש״ב

מ׳ **אנשיל וורשבסקי** לנשואי בנו **אהרן** את מ׳ **הלא בריל.**

יזכה לראות אצלם רוב ענג ונחת

אליעזר רוזנבוים ורעיתו.

א הערצליבען מזל טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פערוואלטונגס מיטגליד

ה׳ **שמעון קלין** און **פרוי** צו דער התונה פון זייער זוהן ה׳ **ליפמאן** מיט פר״ל. **רחל נאכעמיא**

די פערוואלטונג פון „בית לחם".

צו דער תנאים פון אינזער קוזינקע **קאראָלא דזיאלאָווסקא** מיט ה׳ **מאקס ערנער.** (זאוויערטשע), א הערצליכען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

דאָברע און **וואָלף קרעמסקי.**

אויפפאָדערונג.

דער רעטונגס=קאָמיטעט ביי דער יודישער קהלה

אין טשענסטאכאוו, איז מודיע פאלגענדעס:

צוליעב דער גרינגשעצונג פון די לווים און זשיראנטען ביים צוריקצאהלען די הלוואות פונ׳ם רעטונגס-קאָמיטעט, מיט וועלכען זיי זענען גורם צו דער פאראליזירונג פון דער טעטיגקייט, דערפיהרענדיג מיט זייער אונפעראנטוואָרטליכער בעציהונג צו דער אויסערסט וויכטיגער אינסטיטוציע צו א בעדייטענדער פערשמעלערונג פון דער הילפס-ארבייט, אין וועלכער ס׳נויטיגען זיך הונדערטער פעראָרימטע יודישע משפחות, פאָדערט דעריבער דער קאָמיטעט אויף צום לעצטען מאָל אלע לווים און זשיראנטען צו **רעגולירען די פערלעגענע חובות אין משך פון אכט טעג, ד. ה. ביז׳ן 26 ד. ח. ווארים אינגעגענטייל וועט דער קאָמיטעט תיכף צוטרעטען געריכטליך צו צוואנגס=אינקאסאָ, צורעכענדיג דערביי פּראָצענט און געריכטס קאָסטען.** גלייכצייטיג ווערט בעמערקט, אז די, וועלכע וועלען זיך נישט מעלדען אינ׳ם אויבענדערמאָנטען טערמין אין דער קהלה-קאנצעלאריע, אום צו ערלעדיגען די פערלעגענע חובות וועלען זייערע נעמען—אזוי פון די אויסשטעלער ווי פון די זשיראנטען—פערעפענטליכט ווערען אין דער פרעסע, כדי אויף דעם וועג צו סטעמפלען זייער נישט ווירדיגע האנדלונג לעיני כל.

דער קאָמיטעט

טשענסטאָכאוו, דעם 18 פעברואר 1932 י.

„ביורא פּאָראַדאַ"

ערלעדיגט אלערליי **אמטליכע ענינים**

ווי: בּיטעס צו אלע רעגירונגס=אמטען און געריכטס=אינסטיטוציעס.

ספּעציאליטעט:

שטייערן-פראגען און אינדוסטריע-געזעץ.

ADRES:

„PORADA", ALEJA № 35

I-sze piętro, front.

Szkoła tańców

baletm. **K. KOSTECKIEGO**

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**

(d. Jasna).

Uczy Rumbę, Tango i t. p. elegancko-wytwornie, w kompletach i pojedyńczo.

Zapisy na kursy I - 'I - III - Mazura codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

אכטונג! פּראקטישע לעקציעס קומען פאר **יעדען שבת 8 אָוונד** ספעציעל פאר דער יודישער געזעלשאפט. בּיליגערער אָבצאהל. — לעצטע מוזיק-שלאגערס.

קופּהויזער = טעכניקום

פאר אינזשיניער און ווערק-מייסטער

באר פראנקעהויזען, קופּה,

פּראָגראם-פאָדערונג: עלעקטראָטעכניק, מאשינען, ערד-מאשינען, אויטאָ-און לופט-פעטריעב, שטאָהל-בוי, אייזען-וואסער-בוי

פאר סוחרים 1-סעמעטריקערטעכנישער קורס.

Zakład Elektrotechniczno - Inst.

„ŚWIATŁO-SIŁA"

sp. z ogr. odp.

W CZĘSTOCHOWIE

NOWY RYNEK 5. TEL. 606

אייגענטימער:

געבר. טענענבערג און **מ. עהרליך**

מאכט בעקאנט דער ברייטער געזעלשאפט, אז אונזער פירמע איז איצט פערגרעסערט געוואָרען און נעמט אָן אלערליי

עלעקטרישע ארבייטען

ווי: **בעלייכטונג, מאָטאָרען, אפּאַראַטען,** ווי אויך אלערליי **פּאָפּראַווקעס.**

די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט **רעיעל, שנעל,** אונטער דער לייטונג פון קאָנצ. פאַכלייט.

אויסצאָהלונגען ביז אָ יאָהר אלערליי אַרבייטען.

א זאמעל = טאג פאר די הונגעריגע.

(צו דער אויפמערקזאמקייט פון היעגען יודישען הילפס-קאמיטעט)

איך האלט פאר איבעריג ווידער צו קומען בעשרייבען די שוידערליכע לאגע, אין וועלכער עס געפונט זיך א זעהר גרויסער טייל פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג. עס איז נישט נויטיג צו שילדערן די גאנצע גרויזאמקייט פון די הונדערטער פאמיליעס מיט זייערע טויזענדער נפשות, וואס שמאכטען פון הונגער און קעלט.

איך וויל אויך נישט בעריהרען די טעטיגקייט פון אונזער יודישען הילפס-קאמיטעט, וועלכער איז צו דעם צוועק ענטשטאנען מיט 3 מאנאטען צוריק און פון וועלכען עס איז געבליבען נאך פיעל צו פאדערן.

איין זאך איז קלאר: פאר די דאזיגע אומגליקליכע ווערט נישט געטהון דאס וואס מען דארף. און מיר טשענסטאכאווער יודען, האבען ביז-יעצט נישט געוויזען, אז די שוידערליכע לאגע פון אונזערע ברידער און שוועסטער איז אונז באמת נאהנט צום הארצען און אז די הילף, וואס ווערט זיי דורך אונז געגעבען איז א בארמהערציג-ברודערליכע. ווער עס איז אין דעם שולדיג, וועמענס שולד עס איז דאס, וואס דאס יודישע טשענסטאכאוו, וועלכעס האט זיך אייביג און שטענדיג אויסגעצייכענט אויפ'ן געביעט פון צדקה און ברודערליכער הילף, איז יעצט געבליבען הינטערשטעליג, דאס איז נישט אונזער אויפגאבע יעצט פעסטצושטעלען.

איך וויל יעצט נאר קומען מיט פאלגענדען קאנקרעטען פארשלאג:

עס זאל אין אונזער שטאדט איינגעארדענט ווערען א זאמעל - טאג, אין וועלכען יעדער טשענסטאכאווער יוד (ממש יעדער, אויסער דעם, וואס מוז נעמען) זאל אין דעם דאזיגען טאג שפענדען א געוויסע סומע פאר זיינע נויטליידענדע ברידער. די סומע זאל זיך אנהויבען פון 50 גראשען ביז 5 זל. דער עיקר, אז די זאמעל-אקציע זאל אדורכגעפיהרט ווערען אין איין טאג.

דעריבער לעג איך פאר:

דער הילפס - קאמיטעט, וואס בעשטעהט פון עטליכע צעהנדלינג מיטגלידער זאל צווישען זיך צוטיילען די שטאדט אויף גאסען אדער ראיאנען. יעדער גאס אדער ראיאן זאלען בעזוכען צוויי קאמיטעטס-מיטגלידער וועלכע זאלען אין יעדען הויז פון זייער ראיאן בעשטימען צוויי מענשען פון די איינוואוינער, וועלכע זאלען אין דעם בעשטימטען טאג זאמלען די שפענדונגען פון זייערע הויז-שכנים,

די זאמלער וועלען בעקומען א געוועהנליכען זאמעל-בויגען מיט'ן סטעמפעל פון קאמיטעט און זיי מוזען זיך פערפליכטען אין בעשטימטען טאג צו בעזוכען אלע איינוואוינער פון זייער הויז און יעדער מוז געבען, קיינער טאר זיך בשום אופן נישט אויסשליסען.

אום קיינער זאל זיך נישט ארויסדרעהען פון געבען (אבוואהל עס גלויבט זיך נישט, אז אזא יוד זאל זיך אין טשענסטאכאוו געפונען) דארפען די הויז-זאמלער פריהער אויפשרייבען אויף דעם זאמעל-בויגען. אלע איינוואוינער פון הויז און שפעטער בעת'ן בעזוכען זיי, בלויז צו שרייבען די סומע, וואס יעדער וועט געבען — אזוי ארום וועט מען וויסען ווער עס האט געגעבען און ווער נישט.

אזוי ווי די זאך טאר נישט אבגעלעגט ווערען און מוז געשעהן וואס פריהער, וואלט געדארפט אלס זאמעל-טאג בעשטימט ווערען זונטאג כ"א אדר דעם 28 ד. ח. ס'איז צו גלויבען, אז ביז דאן וועט דער קאמיטעט קענען אדורכפיהרען די טעכנישע ארבייט וואס איז צו דעם נויטיג, ווייל די ארבייט ווי מען שטעלט זיך פאר, דארף נישט זיין אזוי שווער און קען אין משך פון 8 טאג געטהון ווערען.

אויב דער קאמיטעט זאל בעשטימען די זאמעל - אקציע אויף דעם דאזיגען טאג מוז זיך שוין אנהויבען די אגיטאציע צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע מען זאל ערקלערען די וויכטיגקייט פון דעם זאמעל-טאג און בעיקר דארף קומענדען פרייטאג די גאנצע היגע יודישע פרעסע אבגעבען א גרויסען פלאץ דער זאמעל-אקציע. שבת פריהער, דארף אין די שוהלען און מנינים וועגען דעם גערעדט ווערען, דער ראבינאט, די קהלה און אלע ארטיגע פעראיינען דארפען אפעלירען צו זייערע מיטגלידער, אז יעדער זאל מיטהעלפען צום ערפאלג פון דער אקציע.

אין אזא שרעקליכען מצב, ווען טויזענדער מענשען האבען בוכשטעבליך נישט א שטיקעל ברויט און ווערען געפרוירען פון קעלט מוז מען אנווענדען די גרעסטע אנשטרענגונגען. מוז מען מאכען אזא ארט מאביליזאציע צו דער מלחמה מיט'ן הונגער-נויט, זאל ער הייסען פדיון-נפש, אדער אנ'אנדערן נאמען, דער עיקר, אז אלע זאלען געבען און געוויס וועלען אלע געבען.

עס איז אומבעדינג דער חוב פון הילפס-קאמיטעט, וועלכער האט אויף זיך גענומען די הייליגע הילפס-ארבייט, באלד צוצוטרעטען מיט דער גרעסטער ענערגיע צום אדורכפיהרען די דאזיגע אקציע, וואס וועט אהן ספק ברענגען א בעדייטענדע סומע מיט וועלכער דער קאמיטעט וועט קענען אין א געוויסער מאס לינדערן די ביטערע לאגע פון אונזערע הונגעריגע שוועסטער און ברודער.

י. פלאצקער.

די ווארשאווער מוסטערן = אויסשטעלונג פון ארץ=ישראל=פראדוקציע דארף אדורכגעפיהרט ווערען אין גאנצען לאנד.

דורך דער פויליש-ארץ-ישראל'דיגער האנדעלס-קאמער איז לעצטענס אין ווארשא געעפענט געווארען א שטענדיגע מוסטערן-אויסשטעלונג פון ארץ-ישראל פראדוקציע.

לויט ווי די ווארשאווער פרעסע מעלדעט, האט די דאזיגע אויסשטעלונג גרויס ערפאלג. זי ווערט בעזוכט פון א גרויסע צאהל איינוואוינער, און שול-יוגענד, וועלכע קויפען גלייכצייטיג פון די א"י פראדוקטען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווילען מיר בעריהרען די פראגע וועגען איינארדנען די דאזיגע מוסטערן-אויפשטעלונג אלס וואנדערענדע, וועלכע זאל ארומפאהרען אין די גרויסע שטעדט פון לאנד.

מיר האלטען, אז אויב די ווארשאווער איינוואוינער בעזוכען גערן די אויסשטעלונג און אינטערעסירען זיך מיט דער א"י פראדוקציע, האט די פראווינץ געוויס פאר דעם נישט קיין קלענערען אינטערעס, און דאס איינארדנען אזא אויסשטעלונג אין דער פראווינץ וואלט אהן ספק געהאט דעם גרעסטען ערפאלג.

דער רעזולטאט פון אזא וואנדער אויסשטעלונג וואלט געווען א פיעלפאכער: אין דער ערשטער רייהע וואלט די יודישע בעפעלקערונג אין דער פראווינץ זיך בעקענט מיט דער אמת'ער תוצרת הארץ, דאן וואלט דאס געהאט זעהר א גרויסע פראפאגאנדע-בעדייטונג פאר דעם א"י געדאנק, און בעזונדער וואלט דאס געבראכט א בעדייטענדע הכנסה.

דאס איינארדנען אזא וואנדערענדע-אויסשטעלונג איז נישט פערבינדען מיט קיין שוועריגקייטען. די אזוי גערופענע וואנדער-אויסשטעלונגען זענען אין דער וועלט א גאנץ אפטע ערשיינונג. עס דארפען צו דעם בלויז איינגעארדענט ווערען געהעריגע טראנספארט-קופערס, אין וועלכע די פראדוקטען זענען שוין פון פריהער אנגעשטעלט אין דער געהעריגער ארדנונג, און ווערען אין דער זעלבער פארם אויסגעשטעלט אין אלע שטעדט. אויך לאקאלען אויף דער אייסשטעלונג וועלען זיך אין יעדער שטאדט געפונען. אויך דאס ארגאנירען די דאזיגע אונטערנעהמונג קען לייכט אדורכגעפיהרט ווערען.

די לייטונג פון דער אויסשטעלונג דארף אונזער פארשלאג נעמען אין אכט און צוטרעטען איינצוארדנען די וואנדערענדע אויסשטעלונגען אין דער פוילישער פראווינץ, וועלכע וואלטען געווען א גרויסע אגיטאציע און געבראכט א גרויסען ערפאלג דעם געדאנק פון תוצרת-הארץ.

בעמ. פון רעדאקציע: די פראווינצער יודישע פרעסע דארף אויך מיט דעם פראיעקט זיך פערנעמען, און אזוי ארום ווירקען, אז עס זאל צושטאנד קומען.

פון דער וואך.

וועגען יודיש=אראבישען „רונדען טיש".

דער אפיציעלער ארגאן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע „העולם" — ערקלערט, אז די ידיעה וואס איז פערשפרייט געווארען דורך די רעוויזיאניסטען וועגען געפלאנטען יודיש-אראבישען רונדען טיש, זענען נישט ריכטיג און אז די קוועלע, פון וואנען די ידיעות זענען גענומען געווארען רופט ארויס דעם חשד, אז די ידיעות זענען פשוט אויסגעזויגען פון פינגער אדער אין בעסטען פאל זענען זיי פערדרעהט און פערקריפעלט און די יודישע עפענטליכע מיינונג קען פולשטענדיג רוהיג זיין.

ערד=ציטערנישען

די לעצטע טעג זענען פארגעקומען לייכטע ערד - ציטערנישען אין קעלצער און לובלינער קאנט, וואו עס זענען געהערט געווארען אונטערערדישע קלעפ, די ערד-ציטערנישען האבען ארומגענומען א שטח פון לערך 185 קילאמעטער מיט הפסקות פון עטליכע טעג, די טרייסעלנישען און די קנאלען זענען געווען אזוי שטארק, אז מען האט דייטליך געזעהן דאס ציטערען פון די שויבען און דאס וואקלען זיך פון פערשידענע שטוב-זאכען ווי כלים, בלומען-טעפ און געוויסע ערטער האבען זיך געבילדעט גרויסע שפאלטען אין דער ערד, עס ווערט בעמערקט, אז אין די דאזיגע געגענדען זענען אזאלכע ערשיינונגען קיינמאל נישט פארגעקומען.

רעגירונגס=קריזיס אין פראנקרייך.

די פראנצויזישע רעגירונג פון פרעמיער לאוואל איז אדורכגעפאלען אין סענאט מיט א מעהרהייט פון 157 שטימען געגען 134 איז דעם יעצטיגען פראנצויזישען רעגירונגס-קאבינעט אויסגעדריקט געווארען אונצוטרוי. און דעריבער האט די רעגירונג זיך אבגעגעבען אין דעמיסיע. אלס לאוואלס נאכפאלגער ווערען אנגערופען בארא אדער טארדיו. עס איז אויך נישט אויסגעשלאסען, אז די לינקע זאלען בעקומען די מיסיע צו שאפען א רעגירונג און פרעמיער זאל ווערען העריא.

ענדערונגען אין דעם מיניסטארען=צוזאמענשטעל.

אין די פוילישע פאליטישע קרייזען רעדט מען ערנסט וועגען דעם, אז נאכ'ן שליסען פון דער יעצטיגער פארלאמענטארישער סעסיע און אננעמען דעם בודזשעט אויפ'ן קומענדען יאהר זאל די יעצטיגע רעגירונג פון פרעמיער פריסטאר זיך אבגעבען אין דימיסיע און עס זאלען פארקומען געוויסע ענדערונגען אין דעם מיניסטארען-צוזאמענשטעל, אלס ערשטער קאנדידאט אויפ'ן פרעמיער-אמט פון דער נייער רעגירונג ווערט בעטראכט דער פרעזעס פון ב. ב. קלוב אין סיים פולק. סלאוועק.

די פערפאלגטע. (41

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך **י. געלזאהן.**

(פארטזעצונג).

א לאנגע צייט האט פערנומען ביז ראזא איז צו זיך געקומען, ס'איז ביי איהר געווען פשוט א אומגליק פארוואס עקיבא קומט נישט און זי איז נישט אומשטאנד צו בעפרייען איהרע עלטערן.

ווען זי האט זיך עטוואס בערוהיגט האט זי זיך ארומגעזעהן, אז ס'איז שוין גענוג שפעט אויפ'ן טאג און דער וועכטער האט איהר נישט געברענגט צו עסען' אזוי ווי ער פלעגט דאס טהון יעדען טאג. עס האט זי נישט געקימערט וואס זי וועט נישט האבען צו עסען, אבער זי האט אנגענומען, אז דאס האט א צוזאמענהאנג מיט דעם וואס עקיבא איז נישט געקומען און זי האט נישט געקענט בעגרייפען, וואס דא קומט פאר.

און נאכמעהר ערשטוינט איז ראזא געווארען ווען זי האט פלוצים דערהערט ווי מען האקט די מויער אונטער דעם טורם וואו זי געפונט זיך. זי איז זעהר דערשראקען געווארען און זי חאט זיך זעהר אנגעשטרענגט צו הערען וואס עס טהוט זיך אונטען, אבער זי האט קיין זאך נישט געקענט הערען צוליעב די זעהר דיקע ווענד און די הויך פון טורם. זי האט בלויז געפיהלט ווי מען קלאפט שטארק אין די הינטערשטע ווענד, וועלכע טרייסלען זיך פון שטארקען קלאפען.

זי האט ביי קיין פאל נישט געקענט פערשטעהן וואס דאס איז. פיעל מאל איז איהר געקומען אויפ'ן געדאנק, אז מען מיינט, דאס אין טורם געפונט זיך קיינער נישט און מען געהט איהם איינלעגען און ביי דעם געדאנק האט זי אויפגעציטערט, ווייל זי האט מורא געהאט, אז צוזאמען מיט'ן טורם קען זי אומקומען. זי האט געפרובט שרייען, רופען צו הילף, אבער קיינער האט זי נישט געהערט און זי איז געבליבען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

אזוי האט דאס געדויערט עטליכע שעה, ביז דאס קלאפען האט אויפגעהערט און ראזא האט זיך עטוואס בערוהיגט. דאמאלס האט זי געפיהלט, אז זי איז שרעקליך הונגעריג, ווייל דעם גאנצען טאג האט זי נישט געגעסען. עס איז שוין געווען נאכט און זי איז אנידערגעפאלען אויפ'ן בעטיל און, איז ענטשלאפען געווארען.

שפעט בייננאכט האט זי זיך אויפגעכאפט, הערענדיג ווי די טיער פון איהר צעלע עפענט זיך. עס איז אריין דער וועכטער און איהר אוועקגעשטעלט עסען און טרינקען און איידער ראזא האט איהם געפרעגט א ווארט איז ער שנעל אוועק.

.28

דער געהיים-אגענט, וועלכען דער גובערנאטאר מאראניא האט איבערגעבען נאכצושפיאנירען זיינע 2 דיענער מארטען און אלמאר האט נאך עטליכע טעג איבערגעבען דעם גובערנאטאר א גאנצע רייהע איינצעלהייטען, וואס ער איז דערגאנגען אין צוזאמענהאנג מיט זיין אויספארשונג און די דאזיגע פרטים זענען גענוג געווען פעסטצושטעלען אז עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפעל, אז די ביידע דיענער האבען מיטגעהאלפען צום פערשוואונדען פון ראזא'ן און נאך א בעראטונג, וואס איז פארגעקומען צווישען וויקטאר פעלדמאן מיט דעם גובערנאטאר איז בעשלאסען געווארען, אז מען זאל זיי נישט ארעסטירען, נאר דער גובערנאטאר אליין זאל זיי פריהער אויספארשען.

די אויספארשונג איז פארגעקומען אין דער אנוועזענהייט פון וויקטאר פעלדמאן און מרים און אין צווייטען צימער האבען זיך געפונען גרייט דער קליינער דניאל און דער געהיים-אגענט כדי אז אויב זיי וועלען זיך נישט מודה זיין אין זייער פערברעכען, זאל דניאל און דער אגענט קענען אין זייער געגענווארט ערקלערען אלץ, וואס זיי האבען געהערט.

די ביידע דיענער אלמאר און מארטען האבען זיך זעהר דערשראקען ווען מען האט זיי דורך א ספעציעלען שליח איינגעלאדען צום גובערנאטאר אין זיין פריוואט-וואוינונג אויף 10 א זייגער אוועגד. יעדער בעזונדער האט ווי געפיהלט, אז דאס שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט זייער פערברעכען געגען ראזא'ן און אזוי ווי זיי האבען געהאט חרטה אויף זייער טהאט האבען זיי בעשלאסען קיין זאך נישט צו פערלייקענען, נאר אויסזאגען דעם גאנצען אמת.

דער גובערנאטאר, וועלכער האט וועגען זייערע געדאנקען נישט געוואוסט און האט זיך פארגעשטעלט, אז דאס וועט איהם נישט אזוי לייכט אנקומען, האט זיך צו זיי געוואנדען מיט זעהר שטרענגע ווערטער און זיי געדראהט מיט די שווערסטע שטראפען אויב זיי וועלען נישט זאפארט זאגען דעם ריינעם אמת, וואס זיי ווייסען וועגען דער פרייליין ראזא.

אבער די דראהונגען זענען געווען אינגאנצען איבעריג, ביידע דיענער זענען אנידערגעפאלען אויף דער ערד פאר'ן גובערנאטאר און אוירגערופען:

מעכטיגער הער! מיר זענען שולדיג, מיר זענען בעגאנגען א שרעקליך פערברעכען, מיר ווייסען אליין נישט וואס מיט אונז האט זיך געטהון, דאס געלד וואס דער פערפלוכטער עקיבא האט אונז געגעבען, האט פערבלענדט אונזערע אויגען, אונזער געוויסען פלאגט אונז די גאנצע צייט און מיר זענען שוין באלד משוגע פון די געוויסענס-ביסען.

אלזא דערצעהלט מיר אלץ גענוי — האט דער גובערנאטאר געזאגט — ווי אזוי די שרעקליכע טהאט איז אדורכגעפיהרט געווארען און וואוהין מען האט ראזא'ן פערפיהרט. אויב איהר וועט זאגען דעם ריינעם אמת, וועל איך אייער שטראף לייכטער מאכען.

מיר וועלען אלץ דערצעהלען, קיין זאך וועלען מיר נישט פערהוילען אבער מיר ווילען נישט קיין פערלייכטערונג פאר אונזער שטראף, ווייל מיר האבען פערדינט די שרעקליכסטע שטראף און מיר ווילען די שטראף אבקומען כדי אונזער געוויסען זאל רוהיגער זיין — האבען ביידע געענטפערט — און דאביי האבען זיי איבערגעבען גענוי ווי אזוי דער שלויער עקיבא האט זיי איבערקויפט, ווי אזוי ער האט אויך די פאריזער אגענטען אוועקגעשיקט מיט דער אבזיכט צו פאנגען ראזא'ן און וועגען די פאלשע בעריכטען וואס זיי האבען זיינער צייט צוגעשטעלט דעם גובערנאטאר, ביז דער צייט ווען עקיבא האט מיט די צוויי פאריזער אגענטען אוועקגעפיהרט ראזא'ן.

אבער וואוהין האבען זיי זי געפיהרט? — האט דער גובערנאטאר מיט וויקטאר'ן געפרעגט.

דאס ווייסען מיר ליידער נישט. אה, ווען מיר זאלען דאס וויסען, וואלטען מיר אייך שוין לאנג די גאנצע זאך איבערגעבען, און אויב מיר האבען דאס נישט געטהון, איז עס געוועזען דערפאר, ווייל דער שלויער עקיבא האט זיך פאר אונז אויך געהיטען, אז מיר זאלען נישט וויסען וואוהין ער פיהרט זי. וואלט עקיבא געווען אין מיילאנד וואלטען מיר איהם פשוט דערהרג'עט ווען ער זאל אונז נישט זאגען וואו זי געפונט זיך, אבער זינט דאן איז ער אוועק און מיר ווייסען נישט וואו ער איז.

און איהר קענט וועגען דעם קיין שום אהנונג נישט האבען?

מיר שיינט, אז ער האט דאס פרייליין געפיהרט נאך רוים — האט מארטין געענטפערט — ווייל אין דעם זעלבען טאג וואס דאס איז געשעהן איז עקיבא געקומען פון רוים, וואו ער האט זיך געפונען עטליכע טעג און איך גלויב אז ער האט דארט געמוזט צוגרייטען א ארט פאר דעם פרייליין.

דער גובערנאטאר מיט וויקטאר'ן האבען זיך איבערגעקוקט, זיי האבען פערשטאנען, אז די השערה איז א ריכטיגע.

דאן האט דער גובערנאטאר בעפוילען, אז מען זאל זיי ביידע איינשפארען אין תפיסה, וואוהין מען האט זיי באלד אוועקגעפיהרט.

דער גובערנאטאר, וויקטאר און מרים האבען זיך נאך א לענגערע צייט בעראטען און זיי האבען בעשלאסען, אז וויקטאר זאל באלד אוועקפאהרען קיין רוים און דער גובערנאטאר האט איהם איבערגעבען עמפפעהלונגס-פאפירען צו דער דארטיגער פאליציי.

(פארטז. קומט).

אפרים בראטמאן.

וואס האט אונז געגעבען דער 5-טער לאנדעס-צוזאמענפאהר פון ציוניסטען-רעוויזיאניסטען-פערבאנד אין פוילען?

3.

דער ארויסטריט פון דער ציוניסטישער לאנדעס-ארגאניזאציע אין פוילען.

„וואס איז אייגענטליך דאס פראגראם פון „על המשמר"? די דאזיגע פראגע הערען מיר לעצטענס גאנץ אפט און איך מוז זיך מודה זיין: איך ווייס נישט. און דאכט זיך, אז נישט נור איך, אפילו די אנפיהרער פון „על המשמר" זעלבסט ווייסען דאס אויך נישט. מילא, אמאל איז געווען א ענין פון פערברייטערען די דורכ'ן מאנדאט פאראויסגעזעהענע יודישע אגענץ; געוועזען אמאל א טרוים וועגען קאלאניזירען א לאנד דורך א אימיגראציע פון באדיי א קליינער צאהל חלוצים, אבער פון „גוטען" מענשען-מאטעריאל, א קורס געגען דער פיערטער עליה, געגען די „נאלעווקעס" און „דזיקא", אבער היינט... די יודישע אגענץ איז שוין פערברייטערט און דאס מיט דער בעטייליגונג פון „על המשמר", אז די אימיגראצ'ע קיין ארץ-ישראל, ווען זי זאל זיך שטיצען אויסשליסליך (אונטערגעשטראכען: אויסשליסליך) אויף דעם חלוצים-מאטעריאל און זאל זיין בעשטימט נור פאר דער לאנדווירטשאפט איז צוועקלאז (פון ציוניסטישען שטאנדפונקט, אלזא פון דער שטרעבונג צו שאפען א יודישע מדינה אין ארץ-ישראל) האבען שוין איינגעזעהען דאכט זיך אלע. און טראץ דעם אלעם עקזיסטירט פארט דער „על המשמר" און האט א געוויסע צאהל מיטגלידער. ווען ווידער א געוויסע צאהל מענשען פעראייניגען זיך אין וועלכער עס איז גרופע, דאן מוז די דאזיגע גרופע האבען ווען נישט א געמיינזאמען פראגראם, דאן ווינציגסטענס עפעס א געמיינזאמע ליניע. און די ליניע פון „על המשמר" איז: 1) חסידיזם, ד. ה. פערזאנען-קולט פאר'ן „רבי'ן" יצחק גרינבוים, 2) לאנדעס-פאליטיק און 3) לינקער פלירט.

בנוגע דער לאנדעס-פאליטיק, וואס ווערט אנגעפיהרט דורכ'ן „על המשמר" דארף מען בעמערקען, דאס מיר, רעוויזיאניסטען, קענען מסכים זיין מיט'ן שטימען פאר דעם מלוכה-בודזשעט אדער נישט מסכים זיין, וואס עס געהט אונז דא יעצט אן איז, אז דער „על המשמר" האט געמאכט פון די וואהלען צום סיים, שטאדט-ראט אדער קהלה, כמעט דעם ענדציעל פון ציוניזם, אראבשלעפענדיג דעם ענין פון ארץ-ישראל-אויפבוי (אפילו שוין לויט די השגות פון „על המשמר" זעלבסט) אויף דעם לעצטען פלאץ. די אונטער דער העגעמאניע פון „על המשמר" זיך בעפינדענדע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין וועלכער עס איז שטאדט אדער שטעדטיל פון קאנגרעס-פוילען, האבען קיינמאל נישט ארויסגעוויזען קיין אינטערעס (וועגען אקטיוויטעט שוין אבגערעדט) פאר אמת'ער ארץ-ישראל'דיגער פאליטישער טעטיגקייט. ווען עס איז אבער געקומען א צייט פון וואהלען, דאן האט זיך אין די ארגאניזאציעס ממש געראיעט ווי אין א ביהגענשטאק. אלערליי „ציוניסטען", וועלכע האבען קיינמאל נישט געהאט קיין צייט, צי צוליעב וועלכער עס איז אנדערער סבה „נישט געקענט" אנטיילנעמען אין ארץ-ישראל'דיגער ארבייט, האבען זיך טעג און נעכט געפארעט ארום די וואהלען. די אזוי כמעט טויטע ארגאניזאציעס זענען בעת וואהלען ווי מיט אמאל לעבעדיג געווארען. דער פאר ציוניסטישער אזוי שטענדיג פעהלענדער גראשען האט זיך דאן געשיט אין די טויזענדער. קורץ, פאר דעם „על המשמר" זענען וואהלען געווען דער קדש-הקדשים פון ציוניזם.

פאר אונז ווידער רעוויזיאניסטען, איז א ענין פון סיים, שטאדט-ראט אדער קהלה אמת אויך וויכטיג, אפילו זעהר וויכטיג, ער קען אבער בשום אופן נישט געשטעלט ווערען אויפ'ן ערשטען ארבייטס-פלאן. פאר אונז איז א שטאדט-ראט אדער קהלה-ראט נור דאס מיטעל, דורך וועלכען מיר שטרעבען בייהילפיג צו זיין ביי דער רעאליזירונג פון א יודישער מדינה אויף ביידע זייטען פון ירדן, דאס איז אבער בשום אופן וועיט נישט דאס איינציגע אדער וויכטיגסטע מיטעל.

דער לינקער פלירט פון „על המשמר" שטיצט די לינקע „החלוץ"-בעוועגונג און ווענדעט זיך געגען דער עמיגראציע פון מיטעלשטאנד, וועלכען ער בעטראכט אלס אונפראדוקטיווען נאך ארץ-ישראל. דער דאזיגער „לינקיזם" פון „על המשמר" איז גורם צו דעם בעטראכטען די ציוניסטישע געלד-זאמלונגען, מיט וועלכער עס ווערען אין א גרויסער מאס פינאנסירט די סאציאליסטישע עקספערימענטען אין ארץ-ישראל, אלס דעם הויפט-פאקטאר און אפשר כמעט דעם איינציגען פאקטאר פון ארץ-ישראל אויפבוי. דער דאזיגער לינקער קורס איז ווייטער גורם צו שליסען דורך דעם „על המשמר" אבמאכען מיט'ן אויסערהאלב פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען שטעהענדען „החלוץ", געגען דער דאזיגער יוגענד, וועלכע האט אין איהר פראגראם נישט קיין שום מארקס-צומישונג און וועלכע איז דאך נאך געווען אינערהאלב דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דער דאזיגער קורס ווייטער איז גורם צו פערבינדען זיך אויף די ציוניסטישע קאנגרעסען און צוזאמענפאהרען מיט די דאזיגע גרופען, פאר וועלכע דער סאציאליזם שטעהט אויפ'ן ערשטען פונקט און דער ציוניזם ערשט אויפ'ן צווייטען פונקט (מעג אזא גרופע ביי סיים-וואהלען געהן אפילו מיט'ן בונד) געגען דער אויפפאסונג פון זיין ציוניזם אהן וועלכע עס איז צומישונגען.

דער זעלבער קורס איז ענדליך גורם אונטערצושטיצען די לינקע גרופען אין זייער געגנערשאפט צו נאציאנאלען ארביטראזש און ארבייטס-קאנפליקטען אין ארץ-ישראל, אין דער בעציהונג צו דעם ענין פון א יודענשטאאט אין א"י שוין אבגערעדט.

קלאר אלזא, אז מיר, רעוויזיאניסטען האבען אידעאיש מיט דעם „על המשמר" בשום אופן נישט מעוזר קיין געמיינזאמעס, ווי מיט א „התאחדות" אדער „פועלי ציון" און האבען פיעל. פיעל ווייניגער געמיינזאמעס ווי מיט דעם אונז אין פיעל הינזיכטען נאהנטען יודענשטאאטלערישען „מזרחי".

ריכטיג אלזא איז פון ארגאניזאציאנעלען, אי אידעאישען שטאנדפונקט, איז געווען דער בעשלוס; „די 5-טע לאנדעס-קאנפערענץ פון ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישען פערבאנד אין פוילען ערקלערט, אז זי בעטראכט זיך נישט אלס טייל פון דער אזוי-גערופענער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען.

בפרט דאס אום נישט צו צושפליטערען די ציוניסטישע ארבייט אויף די געביעטען, ווי עס איז מעגליך אדער ווינשענסווערט זי געמיינזאם צו פיהרען איז געפאסט געווארען דער 2-ער בעשלוס: „די 5-טע לאנדעס-קאנפערענץ פון ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישען פערבאנד אין פוילען ערקלערט זיך גרייט צו בעטייליגען אין צוזאמענפאהר פון אלע קאנגרעס-גרופען אין פוילען. ביז דער צייט איז דער פערבאנד גרייט זיך צו בעטייליגען אויף פאריטעטע יסודות אין א געמיינשאפט פאר פראקטישער ציוניסטישער ארבייט.

י. ראזענבערג.

רייזע באטיציען.

— 3. —

ר י ג א.

א בעקאנטע שטאדט. ווען ריגא האט נאך געהערט צו רוסלאנד איז זי געוועזען זעהר פאפולער און איך בין זיכער, אז יעדער יוד האט נישט נור געהערט וועגען ריגע, נור אפילו דארט געוועזען, אבער אין אנדער זין.

ריגע, א שטאדט, וואס געפונט זיך נעבען באלטישען ים איז בעקאנט געוועזען מיט איהרע שפראטען. אויף שבת אנשטאט פיש, אדער אויף פורים און חנוכה, צי גלאט עפיס אויף א גוטען נאכט-עסען האבען קיין ריגער שפראטען נישט געטארט פעהלען ביי א יודישען טיש.

אויך איז ריגע פאפולער געווארען מיט די אפט-געהערטע זאצען: ביזט געוועזען אין ריגא?" אדער „איך בין געוועזען אין ריגא", כאטש יענער האט נישט געהאט אין געדאנק צו פאהרען אהין און דער צווייטער איז קיינמאל נישט געוועזען; דאס פלעגט זיין בלויז א וויץ. פון וואנען האט עס זיך גענומען? דאס וויל איך ערקלערען.

„פאהרען נאך ריגא" הייסט ברעכען, ווייל ברעכען אויף רוסיש הייסט ריגאט, האבען וויצלער אבגעווארפען דעם לעצטען בוכשטאב, איז נעבליבען ריגא. מיין פאהרען אבער נאך ריגא איז נישט געוועזען קיין וויץ. איך בין געפאהרען אין איין אנגעלעגענהייט פון די צוויי, וועלכע איך האב דערמאנט אין פוריגען ארטיקעל.

לאטוויע, כאטש א קליין מזינה'לע, ליידט פון דיזעלבע קרענק ווי די גרויסע. א מדינה דארף האבען מיליטער, שיפען, מיניסטארען און עהנליכע זאכען. די אלע זאכען קאסטען אבער געלד און ווי זאגט דאס יודישע ווערטיל: פון די אלע זאכען קען מען שבת נישט מאכען. שבת מוז מען דאך מאכען. בארגט מען זיך געלד, צאהלט מען צינזען, מען מוז דאך אבער אמאל אבגעבען, פערגרעסערט מען די שטייערען. דער עולם האט אבער נישט צו בעצאהלען, ארבייטסלאזע פעהלט אויך נישט, דערווייל הויבט די וואלוטע אן צו פאלען, כדי אבצוהיטען פון א דעוואלואציע פערמאכט מען די גרעניץ, מען לאזט נישט ארויס קיין אויסלענדישע וואלוטע און מען לאזט נישט אריין קיין אויסלענדישע סחורות. פון וואנען וועלען מיר האבען פרנסה, פרעגען לאטוויער יודען? אריין נישט, ארויס אויך נישט, וואס דען? איז דער תירוץ: עס איז אנ'אלגעמיינע צרה און לאטווער יודען קענען קיין אויסנאהם נישט זיין.

ריגא איז אבער נישט אינגאנצען פערלאזט. זי האט א בעזונדער גליק. ריגא איז א שעהנע שטאדט, זי טיילט זיך אויף אלט-און ניי-ריגע. די אלטע שטאדט בעשטעהט פון א לאבירינט שמאלע געסלעך. די געסלעך האבען אבער נישט דעם אויסזעהען ווי אין אנדערע שטעדט, אין אנדערע שטעדט זענען די געסלעך ספעציעל יודישע, פערלאזטע, שמוציגע, שלעכט-ברוקירטע. אין ריגע, אבער, זענען די גאסען טאקי שמעלער ווי אין אנדערע אלטע שטעדט, אבער דערפאר גלאט ברוקירט און ריין געהאלטען. די שענסטע געשעפטען געפונען זיך אין דעם טייל שטאדט און נישט בלויז יודישע. אלט-ריגא דאס איז דער האנדעלס-טייל פון דער שטאדט.

די צווייטע טייל ניי-ריגא בעשטייט שוין פון גרויסע בולווארען, ברייטע אלעען, פריוואטגערטנער און שטאדטישע פארקען. שעהנע געביידעס פון די אמאליגע קורלענדער באראנען שטאלצירען נאך מיט זייער אמאליגען פראכט און גלאנץ.

א שעה רייזע פ-ן ריגע געפונט זיך דער באלטישער ים, לענג אויס ציהט זיך א פלאזשע מיט מאדערנע האטעלען, מיט א קאסינא און אלע מינים פערוויילונגס-ערטער וואס א מאדערנע פלאזשע מוז בעזיצען. אט דער טייל שטאדט האט, ספעציעל זומער, ווען ריגע מאכט אנ'איינדרוק פון איין גרויסען גארטען, א צוציהונגס קראפט פאר אויסלענדער און ספעציעל פאר די וועלכע זוכען אויף א געוויסע צייט א שטיקעל מקום מנוחה פאר זיך. ריגע געהער אלזא צו די פאפולערע באד-ערטער אויפ'ן באלטישען ים.

לעצטענס איז ריגא אויך פאפולער געווארען אלס געסט ווי מ'קען אהן שוועריגקייטען (אבער נישט אהן געלד) קריגען א גט. בעזוכט א דייטש, פראנצויז אדער אמעריקאנער די ריגא'ער פלאזשע און פערליבט זיך דערווייל אין אנ'אנדערע פרוי און וויל מיט איהר חתונה האבען, ווי קריגט מען א גט? גוטוויליג, נישט מיר, נישט דיר ווערט אזא ענין נישט ערלעדיגט. פאהרט אזא מאן אריין אין שטאדט מעלדעט אין געריכט, אז ער וויל זיך גט'ן מיט זיין פרוי, וועלכע וואוינט דארט און דארט, דאס געריכט פאדערט אויף דורך א מודעה אין די אפיציעלע לאטווישע צייטונג, אז אין פערלויף פון 3 חדשים זאל זיך די און די פרוי צושטעלען אין געריכט וועגען דעם ענין. נאטירליך דערגרייכט די צייטונג צו איהר אינגאנצען נישט, און אין א שעהנעם פריהמארגען קריגט זי צוגעשיקט א מתנה: א גט פון איהר ליבען מאן. פערשטעהט זיך, אז די שטאדט לייגט שוין נישט צו צו אזעלכע געסט, וועלכע מוזען דארטען בלייבען א פאר חדשים. אין אזעלכע ענינים זענען פוריגען זומער געקומען נאך ריגא אזעלכע קארפען-קעפ ווי מאקס ריינהארט, די בעוואוסטע טעניסיסטען זוזאננא לאנגלען, דער אמעריקאנער שטאל-קעניג, א בעלגישער פרינץ און א סך ענליכע געסט.

ריגע האט 380-טויזענד איינוואוינער דערפון 40 טויזענד יודען. אזוי ווי אומעטום געפונט זיך אויך דארט דער האנדעל כמעט אין יודישע הענד. דאס יודישע צוזאמענלעבען מיט דער ארטיגער בעפעלקערונג איז זעהר א גוטע. קיין אנטיסעמיטיזם פילט זיך נישט. די נאציאנאלע מינדערהייטען אין לאטוויע דערונטער אויך די יודען, געניסען פון א פולקאמע קולטורעלע אויטאנאמיע. די רעגירונג האלט אויס אויף איהר חשבון יודישע שולען און דאס יודישע טעאטער. לעצטענס זענען אין דער הינזיכט די בעדינגונגען אביסעל ערגער געווארען. די רעגירונג האט גענומען איינפיהרען די לעטישע שפראך אין די שולען פון די מינדערהייטען אלס אונטערריכטס-שפראך. און פערקלענערט די סובסידיעס אויף קולטורעלע צוועקען. צי דאס איז צוליעב דער שלעכטער מאטעריעלער לאגע צו צוליעב וישמן ישורון ויבעט ווייס איך נישט, א פאקט אבער איז, אז עפיס הויבט אן קאלע צו ווערען אין „קעניגרייך" פון לאטוויע.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מען לעבט מיט נסים.

אז מען טרעפט זיך היינט אין גאס און איינער פרעגט דעם אנדערען, וואס הערט זיך? וואו לעבט זיך? הערט מען דעם ענטפער: מען לעבט מיט נסים. און דער דאזיגער ענטפער איז נישט קיין וויץ, נאר דער טרויעריגער אמת. ווארים אדרבה, זאל מען אויספארשען פון וואס עס לעבי, כ'וועל זאגען בלי גוזמא, 60 פראצענט יודען, פון וואס האלטען זיי זיך אויס, וועט קיינער בשום אופן נישט קענען געבען קיין ענטפער. און אפילו די פרעגער'ס וועלען נישט קענען אנווייזען די קוועלען פון וואנען זיי לעבען אדורך דעם טאג, די וואך אדער דעם הודש. איז דאך די קשיא פון וואנען לעבט מען פארט? איז דער ענטפער (אז אך און וועה איז צו דעם ענטפער) אז מען לעבט מיט נסים...

ראטעוועט די קליינע קינדער פון הונגער טויט.

איך ווייס נישט אויף וויפיעל די ווערטער וועלען העלפען, ווייל איך האלט, אז דאס מענשליכע הארץ איז לעצטענס אזוי פערשטיינערט געווארען, אז עס פערמאגט נישט מעהר קיין רחמנות געפיהל. אבער עס קאן אויך זיין, אז די לאגע האט אריינגעווארפען אלעמען אין יאוש. אזוי, אז ער האט רעזיגנירט. אבער פארט מוז מען זיך בערעכענען, אז אויב דאס קאן געזאגט ווערען ביי גרויסע, דערוואקסענע, טהאר מען דאס אבער נישט אנווענדען לגבי די קליינע קינדערלעך, וועלכע זענען הונגעריג און זיי בעקומען נישט קיין שטיקעל ברויט צו דער זעט.

איך זאג דאס אקעגען די בעשפייזונגס-אקציע, וואס ווערט געפיהרט אין די פאוושעכנע שולען, ווי אויך אין די חדרים פון מחזיקי הדת און תלמוד תורה העירוני.

איך וואלט געווען א בעלן מיטצונעמען עטליכע וואלהאבענדע יודישע בירגער אויף א בעזוך אין די דאזיגע שולען, זיי ווייזען שעהנע צארטע יודישע קינדערלעך, בעטראכטען זייערע ליכטיגע אויגעלעך און דאס אונשולדיגקייט וואס ליגט אויף זייערע ליפעלעך, וואס זענען אבער פערשוואכט פון הונגער, וועלכע קומען אין דער שולע הונגעריג. די דאזיגע קינדער ווילען עסען, זיי פאדערען נישט קיין מעדנים, נאר א פראסט שטיקעל ברויט מיט א ביסעל ווארעמס, און דאס קאנען זיי נישט בעקומען.

א סך מאל ווען איך זעה דאס דאזיגע בילד כאפט מיך אן א שרעק, די האר אויפ'ן קאפ ווערען גרוי פון אזא גרויל און אויף די ליפען קייקעלט זיך א קללה — אז איידער אזעלכע קינדערלעך זאלען הונגערען, זאל די וועלט חרוב ווערען.

די וועלט ווערט אבער נישט הרוב און די קינדערלעך הונגערען, דעריבער דארף מען אנווענדען אלע כחות כדי זיי צו געבען עסען, ווייל אויב אונזערע קינדערלעך האבען יא נאך צו עסען, דארף מען געדענקען אין אנדערע יודישע קינדערלעך וואס הונגערען, און דער געבאט פון דער שעה איז —

ראטעוועט די קליינע קינדערלעך פון הונגער טויט.

זיך אראבגערעדט פון הארץ.

דאס שוסטער פאלק האט גענומען ס'ווארט און זיך אראבגערעדט פון הארץ.

עס איז פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון יודישען לעדער-צעך. ווי בעוואוסט לעבט די לעדער-בראנזשע אדורך א שרעקליכען קריזיס. זיי ווערען פון טאג צו טאג פערשוואונדען. איז דאס נאך ווייניג, האט נאך די וועלט-פירמע „באטא" זיי אינגאנצען דערשלאגען. וויל מען זיך דאך ראטעווען, ארדענט מען איין א פערזאמלונג, וואו מען רעדט זיך אראב פון הארצען.

עס רעדט דר. ל. אש, וועלכער האלט א גלענצענדען רעפעראט וועגען דער עקאנאמישער לאגע אין דער וועלט, בפרט אין פוילען. און היוצא מן הפרט אין דער לעדער בראנזשע, ער רעדט וועגען אויסלענדישע סחורות וואס ווערען אריינגעפיהרט קיין פוילען. מיט איין ווארט, ער האט אויפגעדעקט די מכה, וועלכע ליגט פאר אונז און פייניגט אונזער ארגאניזם.

עס רעדען די בראנזשיסטען און פאר די אויגען געהט אדורך א שוידערליך בילד. מען ועהט ווי א גרויסער צווייג ביי וועלכען עס האבען געלעבט טויזענדער יודישע משפחות געהט אונטער. און וואס איז די עצה? שטיצען די היימישע פוילישע פראדוקציע.

עס ווערט אנגענומען אזא רעזאלוציע. און וואס ווייטער? צו מיט דער רעזאלוציע וועט מען ראטעווען? ווער ווייסט. אבער איין זאך האבען זיי יא דערגרייכט, דאס נאגעניש וואס איז געלעגען אויפ'ן הארצען און האט געדריקט די נשמה, האט מען אראבגערעדט און א ביסעל לייכטער איז געווארען אויפ'ן געמיט.

צייטען בייטען זיך.

אמאל האט מען און דער היגער „ווארטא" זיך געשראקען פאר דעם ווארט „יוד". נישט חס ושלום צוליעב דעם, וואס מען האט געוואלט פערלייקענען, אז מען געהער צום יודישען פאלק, נאר גאהר פשוט, צו וואס טויג עס און איבערהויפט איז געזונטער, אז מען ווארפט זיך ניט צופיעל אין די אויגען...

היינט אבער ווילען זיי, די זעלבע „ווארטא" לייט, אז מען זאל ביי יעדען פאל דערמאנען, אז זיי זענען א יודישער קלוב.

קודם כל האבען זיי אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג צוגעזעצט צו זייער געזעלשאפט דאס ווארט, יוד, און פון היינט אן הייסט זי שוין „יודישער ספארט-קלוב „ווארטא". איז דאס נאך ווייניג, ווילען זיי, אז מען זאל דאס שטענדיג אונטערשטרייכען.

די וואך איז פארגעקומען א באקס מעטש (אגב דער ערשטער ביי דער „ווארטא") צווישען די יודישע „ווארטא" מיט'ן פוילישען קלוב „בריגאדא", האט דער ריכטער פערגעסען צו זאגען י ו ד י ש ע ר ספארט-קלוב „ווארטא",

ד"ר דוד קאגאן.

עאוגעניק.

— .2 —

ווען מיר ווייסען, ווי אזוי בעשטימטע אייגענשאפטען ווערען גע׳ירשענ׳ט, זעהען מיר אויך דעם וועג, וועלכען מיר מוזען געהען, בכדי צו פערבעסערען דעם מענשליכען מין, פונקט ווי עס טהוט דער ריכטער. די עאוגעניק שטרעבט אויסצוראטען אלע פעהלערן מיט וועלכע די מענשהייט איז בעשאנקען און וועלכע זענען אממייסטען פון ערבליכער נאטור. אין דער נאטור קומט פאר די אויסראטונג פון אלע שעדליכקייטען פון זיך זעלבסט, וואס עס איז מינדערווערטיג ווערט אויפגעפרעסען, פערהונגערט און דערפרווירען— און אויף אזא אופן ווערען זיי שוין פון דער פערמעהרונג אויסגעשלאסען. מיר ווייסען, אז קלימאטישע שנויים האבען געבראכט צום אויסשטארבען פון גאנצע טהיר און פלאנצען־מינים, וועלכע האבען זיך נישט געקענט צופאסען צו די נייע בעדינגונגען.

ביי מענשען האבען זיך די פערהעלטנישען, אין געגענזאץ צו די נאטירליכע גאנץ בעדייטענד פערענדערט. אין דער צייט, ווען ביי א ווילדער חיה איז קראנקהייט כמעט גלייכבעדייטענד מיט׳ן טויט, אדער אמוועניגסטען איז עס פערבינדען מיט דער אונמעגליכקייט זיך צו פערמעהרען, איז ביי מענשען נישט אלע מאל אזוי דער פאל, מען זארגט זעהר א סך וועגען שוואכען און קראנקען, ער קען אפילו קינדער האבען, וועלכע ירשענ׳ען פערשטעהט זיך, זיינע קראנקהייט־אייגענשאפטען אדער שוואכקייטען. פיעל פעהלערן ווערען דורך מעדיצינישער הילף בעזייטיגט; זיי קענען שוין אפשר מעהר נישט שטערען אין לעבען, אבער די אזוי־גערופענע קראנקהייטס־דיספאזיציע געהט איבער בירושה און וואס די הויפט־זאך איז. ווי עס לערנט אונז די פערערבונגס־לעהרע, וואקסט די בעשטענדיגקייט פון דער קראנקהייטס־דיספאזיציע פון דור צו דור, דאס הייסט: זי טרעט ארויס ביי די נעכסטע דורות אלץ אפטער און אפטער און ביי א גרעסערער צאהל מיטגלידער. אלס אילוסטראציע קענען מיר נעהמען די כסדר־וואקסענדע צאהל פון קורצזיכטיגע, פון שלעכטע ציינער. די אלע ליידענדע אויף די דאזיגע קראנקהייטען ווערען טאקי א דאנק דער מעדיצינישער הילף ארבייטס־פעהיג, אבער דער פעהלער בלייבט ביי זיי פערבארגען. קראנקהייטען, וועלכע פלעגען אמאל זיך שטענדיג ענדיגען מיט׳ן טויט, ווי צום ביישפיעל: בלינד־דארם ענטצינדונג, ווערען איצט אפעראטיוו געהיילט, אבער די דיספאזיציע צו דער קראנקהייט פערבלייבט — און מיר זעהען יעצט טאקי גאנצע פאמיליעס, וואו כמעט אלע מיטגלידער ליידען אויפ׳ן בלינד־דארם. אויך אזעלכע אינפעקציע־קראנקהייטען, ווי פאקען, וועלכע פלעגען אמאל צונעהמען בעזונדערס די שוואכסטע און קראנקהאפטסטע מענשען, שפיעלען שוין יעצט להלוטין קיין ראלע נישט אלס אנ׳אויסראטונגס־פאקטאר, ווייל מיר בעקעמפען שוין ערפאלגרייך די דאזיגע קראנקהייטען.

אויך די מלוכה און געזעלשאפט זארגען בעזונדערס פאר אלע מינדערווערטיגע. אט די אלע מינדערווערטיגע פון אלקאהאליק ביז׳ן פערברעכער האבען צו זייער דיספאזיציע שפיטעלער, אנשטאלטען פאר גייסטיג־קראנקע, וועלכע גיבען זיי די מעגליכקייט נאכ׳ן בעפרייען צו פלאנצען זייערע הסרונות. אויך די מאדערנע מלחמות נעהמען צו פון דער וועלט די געזונדסטע און פעהיגסטע מענשען, איבערלאזענדיג אלע קרענקליכע און מינדערווערטיגע, וועלכע האבען נאך א מעגליכקייט צו געניסען אויפ׳ן חשבון פון די געפאלענע אין פאל פון א נצחון. אויך אלע לאסטען אויסצוהאלטען די אויבענדערמאנטע אנשטאלטען, אלע לאסטען פאר סאציאלער הילף טראגען די מעהר נוצליכע און ארבייטס־פעהיגע עלעמענטען, וועלכע זענען פון עאוגענישען שטאנדפונקט, א דאנק זייערע פערערבונגס־אייגענשאפטען זעהר געוואונשען. און דאס דערפיהרט דערצו, אז דער מעהר נוצליכער עלעמענט, צוליב די גרויסע לאסטען, האט נישט קיין מעגליכקייט א סך קינדער צו האבען, איבערלאזענדיג דאס די מינדערווערטיגע, וועלכע, א דאנק דעם מאנגעל אין העמונגס־געפיהל און קריטיציזם פערמעהרען זיך זעהר שטארק, זייענדיג רוהיג און זארגלאז, ווייל די מלוכה און אלע מענשען זארגען וועגען זיי און זייערע קינדער און מיר זעהען טאקי ביי אלע פעלקער ווי דער מינדערווערטיגער טראגט דעם געבורטס־זיעג איבער דעם מעהר ווערטיגען.

עס פערשטעהט זיך, אז מיט די דאזיגע ווערטער האב איך נישט אין זינען דעם סאציאלען שטאנד, נור דעם ווערט פון מענשען פאר דער געזעלשאפט פונ׳ם געזונדהייטס־שטאנדפונקט פון זיין נוצליכקייט און בעגאבונג.

קולטור־ארבייט צווישען יודישע האנדווערקער.

נישט נאר די יודישע געזעלשאפט, נאר זאגאר צווישען האנדווערקער־קרייזען וועט אפשר אויפגענומען ווערען מיט א צווייפעל די נויטווענדיגקייט פון קולטורעלע טעטיגקייט ביים היינטיגען טאג, ווען די עקאנאמישע לאגע איז ליידער אזוי שרעקליך צווישען אונזערע רייהען.

מיר האלטען אבער, אז די אלע פאליטישע, געזעלשאפטליכע און סאציאלע פראגען, צו וועלכע מיר מוזען געמען א שטעלונג, צווינגען אונז צו בעקענען זיך מיט זיי גרינדליך. און ליידער הינקען זיי טיילמאל אונטער, ווייל מיר האבען נישט די געהעריגע פאכמענישע בעלייכטונג.

די עוואלוציע פונ׳ם געזעלשאפטליכען לעבען, סיי די אלגעמיינע, סיי די יודישע, האט דערפיהרט דערצו, אז דער מיטעלשטאנד, איבערהויפט זיין ארגאניזירטער טייל — דאס האנדווערקערטום — נעמט אין איהם זיין בערעכטיגטען אנטייל. און דא קומט איהם נאך אויס צו קעמפען פאר זיין פלאץ. און זאלען מיר האבען דאס „בעוואוסטזיין" מודה צו זיין, אז די קאנטראהענטען אונזערע זענען בעלאדענט מיט מעהר וויסען ווי מיר און נישט אלע מאל איז עס פאר אונז אהן שאדען.

און צי קען דער יודישער האנדווערקער מיט זיינע בעשיידענע מיטלען האבען די מעגליכקייט נאכצופאלגען די אלע דערגרייכונגען אויפ׳ן טעכניש־וויסענשאפטליכען געביעט און צי איז עס נישט פאר איהם א נויטווענדיגקייט צו דערוויסען זיך וועגען די פארטשריטען פון דער טעכניק, וואס קענען איהם גופא טיילמאל ברענגען גרויס נוצען?

בכלל שווימען אויף אין די לעצטע טעג נייע פראגען אויף אלע געביטען פון האנדווערקער־לעבען, וועלכע פאדערען דעם געהעריגען ענטפער. מיר מוזען זיין גרייט אנטייל צו נעמען און טיילמאל אנצופיהרען מיט אזאלכע אינסטיטוציעס, ווי: האנדווערקער־קאמערן, האנדווערקער־שולען און קורסען, קאאפעראטיווען פינאנסיעלע און פראדוצירענדע, ארגאניזירען און אנפיהרען מיט׳ן עקספארט פון אונזערע אויסארבייטונגען א. ד. גל.

און צי דארף דער בעסערער יודישער האנדווערקער נישט בעקומען די געהעריגע בעלויכטונג פון דעם יודישען, קולטורעלען, ליטערארישען און נאציאנאלען לעבען, אום מיטצולעבען מיט זיינע פריידען און ליידען.

ווען מען וועט זיך איבער דעם אלעמען פערטראכטען, מוז מען קומען צום אויספיהר, אז עס איז געוועזען א גרויסער פעהלער וואס דאס דאזיגע ארבייטס־געביעט איז ביז יעצט פערנאכלעסיגט געווארען. עס איז דעריבער צו האפען, אז די ברייטע מאסען יודישע האנדווערקער וועלען מיט צופרירענהייט אויפנעמען די ארבייט אויפ׳ן קולטורעלען געביעט.

דאסגלייכען ווילען מיר נישט צווייפלען, אז די אלע אינטעלעקטועלע קרעפטען, צו וועלכע דאס יודישע האנדווערקערטום וועט זיך ווענדען, וועלען בייהילפיג זיין אוועקצושטעלען די ארבייט אויף דער געהעריגער הויך.

ד. קאניעצפאלער

מ׳פאהרט איצט אומזיסט צום לייפציגער יריד.

פערצייטענס איז א נסיעה צום לייפציגער יריד געוועזען א גאנץ שווערע זאך. מ׳פלעגט זיך שלעפען אהין מיט וועגעלעך איבער שלעכטע שטראזען. שפעטער איז עס פערשטעהט זיך לייכטער געווארען. סוחרים, וועלכע האבען געפיהרט גרעסערע מסחרים האבען געוואוסט, אז זיי מוזען פאהרען צו דער לייפציגער מעסע, ווייל דארט וועלען זיי זיך בעקענען מיט אלע נייעסטע סחורות, מיט די פאבריקאנטען און מיט אלערליי סוחרים און זיי וועלען האבען די מעגליכקייט אויפצולעבען זייערע געשעפטען.

היינט — אין דער צייט פון דעם שווערסטען ווירטשאפטליכען קריזיס, איז א נסיעה צום לייפציגער יריד ווידער געווארען א גאנץ שווערע און וויכטיגע זאך, כאטש די נסיעה קיין לייפציג איז גאר לייכט, מ׳פאהרט אהין מיט לוקסוס־באהנען און מיט פליה־מאשינען, אבער עס פעהלט איין קלייניגקייט — די הוצאות פאר דער נסיעה... פיעל סוחרים, וועלכע ווייסען גאנץ גוט, אז אין לייפציג וואלטען זיי געקענט געפונען נייע ארטיקלען צום האנדלען, גוטע פערטרעטונגען, ביליגע סחורות, איז אבער היינט שווער ארויסצונעמען געלד אויף הוצאות. ס׳איז נישט לייכט צו לעגען לעבעדיגס אויף טויטען. אויסצולעגען געלד און פאהרען עפיס זוכען, אפשר וועט מען נישט מאכען וואס מ׳דארף, אפשר וועט עס זיך נישט לוינען...

דאס לייפציגער מעסע־אמט איז דעריבער געפאלען אויף א נייער המצאה: זי גיט צוריק די הוצאות קיין לייפציג און צוריק, וויבאלד מ׳קויפט איין ביים לייפציגער יריד.

דאס מעסע־אמט האט אבגעמאכט מיט אלע אויסשטעלער, אז זיי צאהלען איין 1 פראצענט פון זייער הכנסה אין דער קאסע אריין. פון דעם פראצענט גיט דאס מעסע־אמט צוריק די רייזע־שפעזען פאר אלע סוחרים, וועלכע ווייזען אויף, אז זיי האבען איינגעקויפט אויפ׳ן לייפציגער יריד.

יעדער, וואס וויל פאהרען קיין לייפציג בעקומט פונ׳ם לייפציגער מעסע־פערטרעטער אין זיין ראיאן א קארטע אויף וועלכער די אויסשטעלער בעשטעטיגען איהם וויפיעל ער האט איינגעקויפט. אויף דער דאזיגער קארטע בעקומט אין לייפציג די רייזע־שפעזען צוריק.

חוץ לזה בעקומט יעדער דעם מעסע־קאטאלאג אומזיסט. דער קאטאלאג נעמט ארום א ערך 8 טויזענד אדרעסען פון די אויסשטעלער מיט אלערליי ארטען פון זייערע סחורות.

עס זענען דארט פערצייכענט 850 פאבריקאנטען פון מעטאל־סחורות, הויז־ און קיך־חפצים, 650 פאבריקאנטען פון גלאז און פארצעלאן, 600 פאבריקאנטען פון מעבעל און לאמפען, 800 פאבריקאנטען פון לעדער־סחורות און רייזע־ארטיקלען, 600 פאבריקאנטען פון גאלד און זילבער־זאכען און פון אלערליי ציהרונג, 800 פאבריקאנטען פון שפיעל־זאכען און ספארט־ארטיקלען, 1000 פאבריקאנטען פון פאפיר, שרייב־ארטיקלען, בילדער, ביכער און רעקלאמע־ארטיקלען, 700 פאבריקאנטען פון טעקסטיל - סחורות, 100 פאבריקאנטען פון מוזיק־אינסטרומענטען, 300 פאבריקאנטען פון כעמישע און קאסמעטישע ארטיקלען, 150 פאבריקאנטען פון פאטאגראפישע ארטיקלען, אנ׳ערך 200 פאבריקאנטען פון שאקאלאדען וכדומה. די אלע ארטיקלען זענען אין 37 פאלאצען אין שטאדט גופא.

חוץ לזה וועלען אויף אכצעהן האלען און אויפ׳ן שטח ארום די האלען אויסגעשטעלט ווערען מאשינען און אפאראטען פון אלע מינים, פונ׳ם קלענסטען ביז צום גרעסטען. אין דעם קאטאלאג זענען פערצייכענט א ערך 1600 אזאלכע פירמעס.

אויסער דעם וועלען אין לייפציג אויסשטעלען אין אייגענע הייזער אדער גרעסערע פלעצער: סאוויעט־רוסלאנד, עסטרייך, טשעכאסלאוואקיי, איטאליען, פראנקרייך, שפאניען, יאפאן, קאנאדע, אינדיע, דענעמארק און טערקיי, וועלכע וועלען דארט ווייזען וואס די לענדער האבען אין לעצטען יאהר געשאפען. אויך די ענגלישע רעגירונג וועט אויסשטעלען דארט די תוצרי הארץ פון איהרע לענדער, מסתמא אויך פון ארץ־ישראל...

דער קאטאלאג, וואס האט תמיד געקאסט 2 דאלאר, וועט מען איצט בעקומען בחנם, בכדי די איינקויפער זאלען נישט האבען קיין בעזונדערע הוצאות אויפ׳ן לייפציגער יריד.

מ׳זעהט בכן: אז דאס לייפציגער מעסע־אמט האט אויסגעפונען נייע מעטאדען ווי אזוי צוצוציהען וואס מעהר קונים אויפ׳ן לייפציגער יריד און וועט יעדען וואס חעט עפיס קויפען לכל הפחות א טייל פון זיין הוצאה צוריקצאהלען, בכדי אזוי ארום ניי צו בעלעבען דעם אינטערנאציאנאלען מסחר.

ז. האבער

נאר בלויז ק. ס. „ווארטא", האט מען איהם באלד אויפמערקזאם געמאכט, אז ער זאל פערריכטען און דערמאנען אז דאס איז נישט בלויז „ווארטא", נאר דער י ו ד י ש ע ר קלוב.

אויך איז ווערט צו בעגריסען פאלגענדען פאקט: בעת דעם מעטש האבען די אנוועזענדע קריסטליכע צושויער געשריגען „בי זשידא", אויף וועלכען דער דר. פראנקע, וועלכער איז דארט א גאנצער מאכער, געהאלטען א גאנצע רעדע, וואו ער האט אויסגעמוסרט די שרייער און מיט גרויס אנערקענונג און פריינדשאפט זיך בעצויגען צום יודישען קלוב און צו די גרויסע פערדינסטען פון די יודען אויפ׳ן געביעט פון ספארט. דאס האט טאקע געווירקט און דער עולם האט די דאזיגע חיה׳שע אינסטינקטען דערשטיקט אין זיך.

ארויס מיט כבוד.

אויך אונזערע באקסער פון יודישען טורן־און ספארט פעראיין איז פון זיין לעצטען מעטש מיט דער שטארקער דרוזשינע פון איבערשלעזען „ארזשעגוב" ארויס מיט כבוד.

מיר האבען מורא געהאט, אז דאס מאל וועלען מיר איינגאנצען פערשפילען, ווארים זיי, די גוים האבען א שם פאר די גרויסע באקסער, וואס האבען געוואונען פריזען און שטענדיג מנצח געוועזען, אבער ווי עס זעהט אויס זענען אונזערע יונגלעך פון יודישען טורן־און ספארט־פעראיין נאך נישט די ערגסטע און האבען 5:7 און ווי עס איז, נאך ארויס מיט כבוד.

און אויך דאסמאל האט דער קאמענדאנט פון דער פוילישער דרוזשינע זיך אויסגעדריקט מיט אנערקענונג און סימפאטיע פאר די יודישע שפיעלער.

דער גרויסער חזן מיט׳ן קליינעם עולם.

זייט ווייסען חזנים פון דער גאנצער וועלט, אז קיין טשענסטאכאוו זאלט איהר מעהר נישט קומען, ווארים טשענסטאכאווער יודען, האבען נישט קיין פערשטענדניס פאר אייך די לעצטע וואכען האבען מיר געהאט א שפע פון חזנים. עס איז געוועזען דער אבער קאנטאר פון דער ווארשעווער טלאמאצקער סינאגאגע קוסעוויצקי און איז בעקרוינט געווארען מיט א דורכפאל, דאן איז געקומען דער גרויסער חזן בארנשטיין פון נאזשיקס שוהל און עס איז ווידער קיינער איהם נישט געקומען הערען. לעצטען שבת איז דא געוועזען ביי אונז דער חזן ש. קוסעוויצקי, א ברודער פון דעם ווארשעווער קוסעוויצקי. א ערשטקלאסיגער זינגער א הערליכער חזן. דער עולם — כ׳מיין די פאר מענשען וואס זענען יא געקומען הערען, זענען דאך בעגייסטערט געווארען פון דעם הערליכען דאווענען. אבער וואס קומט ארויס, אז ער האט אפילו נישט געהאט קיין פופציג פראצענט צו דעקען די הוצאות. טא צו וועלכע גוטע יאהר קומט איהר אהער, צו האט איהר אזוי פיעל געלד, אז איהר ווילט עס ארויסווארפען אין גאס.

כ׳ווייס נישט וואס פון דעם טשענסטאכאוו איז געווארען, דאכט זיך, אז מיר האבען א שם פאר מנגנים. האבען מיר דאך עפיס געהאט א חזנים שולע פון דעם גרויסען מייסטער בירנבוים ע"ה און אזא גלייכגילטיגקייט צו זינגער און חזנים.

עס איז געוועזען א וועהטאג צוצוקוקען, ווי אין דער שוהל דאווענט א גרויסער, גאהר א גרויסער חזן מיט אזא קליינעם עולם.

א נאכט אהן דאגות...

דער „טאז" איז ווי עס ווייזט אויס א זעהר פאפולערע געזעלשאפט, אז ער האט געקאנט צוזוהען אזא גרויסען עולם אויפ׳ן באל, וואס האט געהייסען „א נאכט אהן דאגות".

עס זענען פערהאנען אפילו א יש אומרים, וואס זאגען, אז דאס האבען די „גאספאדאזשעס" מיט די „גאספאדיניעס" צוגעצויגען אזא עולם. ווארים איהר מוזט געדענקען, אז צווישען די „גאספאדאזשעס" איז געוועזען אויסגערעכענט דאס גאנצע שמאלץ, דאס שמן זית, וואס מיר פערמאגען. ד־ראווע, אינזשיניעראווע, מעצענאסאווע, און זייער צאהל איז געוועזען קיין עין הרע גאנצע 80 שטיק, מיט זייערע ווייבער איז סך הכל 160 „פשוין". און זיי האבען חברים און חברות און במילא איז געוועזען א אודיטאריום. קומען ווידער צו געהן אנדערע און זאגען, אז פערקעהרט, די „גאספאדאזשעס" האבען גאהר קאליע געמאכט דאס עסק, ווארים ווען דער „טאז" זאל זיין געפיאל, האט ער דאך אויך געמוזט פערגעסען אין עטליכע מורה מוריניס — האבען זיי זיך דאך געפונען בעליידיגט און לא די וואס זיי זענען נישט געקומען האבען זיי נאך אבגעהאלטען אנדערע פון געהן.

עס איז אויך דא א מימרא, אז די צוציהונגס קראפט איז געוועזען די ערקלערונג, אז מען וועט וועהלען א „מיס־טאז," און דער עיקר, א קעניגין פון באל. אבער ווי עס זאל נישט זיין, דער באל האט זיך גלענצענד איינגעגעבען. עס איז געוועזען משופרא דשופרא... — מיט פרעק און סמאקינגס און די פרויען, וועגען די פרויען זאלט איהר שוין גאהר נישט פרעגען, זיי זענען דאך כמעט אין קיין קאסטיולען איינגאנצען נישט געוועזען אנגעטהון... נישט דאס בין איך אויסען,

די גארדעראבע איז געוועזען בעזונדער. אין דער הויך, די מענער גארדעראבע, הינטען די פרויען גארדעראבע, נאר אין זאל האט מען זיך ערשט צוזאמענגעטראפען און מען האט זיך געוויילט אויף וואס די וועלט שטעהט...

די חברה האבען געמוזט זיין זעהר הונגעריג, ווארים פון דעם גרויסען רייכען בופעט איז נישט געבליבען קיין כזית און ווי מען שמועסט האבען זיי געמאכט א ׳שהכל אויך, ווי עס געהער צו זיין. מיט איין ווארט, עס איז געוועזען א נאכט אהן דאגות. אויף איין נאכט זעהט זיך אויס, האבען זיי געוואלט פערגעסען אין די זארגען פון א גאנץ יאהר...

א געוואלדיגער קאמף איז געוועזען בעת די וואהלען פון א מיס־„טאז". עס האבען זיך געשאפען צדדים, וועלכע האבען ארויסגעלאזט פלאקאטען מיט מאטריאל (מאטעריעל) ביז ענדליך דער שטארקערער אין כסף האט געזיגט און עס איז אויסגעוועהלט געווארען דורך דעמאקראטישע וואהלען... א „קעניגין", מיט א „מיס־טאז".

פארדעם איז שוין שוועהר געוועזען מיט׳ן אויסוועהלען דעם „געטרייען מאן", וואס איז געוועזען אין פראגראם פון די קאנקירסען. דא האט שוין קיין געלד און אנדערע פראפאגאנדע מיטלען נישט געהאלפען. די וואהל פון געטרייעסטען מאן איז נישט פארגעקומען, ווייל אזעלכער איז נישט געוועזען בנמצא אויפ׳ן באל...

אזוי האבען זיי זיך געוויילט כל אותו הלילה, א גאנצע נאכט, וואס איז געוועזען אהן דאגות. און כאור הבקר, ווען עס איז געקומען אינדערפריה און מען האט געמאכט דעם חשבון פון דעם גאנצען טאראראם, האט דער ווייזער געוויזען 18 הונדערט זלאטעס, וואס וועט בלייבען פאר׳ן „טאז" צו פיהרען זיין ווייטערדיגע אקציע

היוצא לנו מדברינו, אז אויב עס איז טאקע אהן דאגות, וועט עס זיין פאר׳ן „טאז" וואס וועט כאטש אויף א קורצע צייט האבען וועניגער דאגה פון וואנען צו נעמען געלד כדי צו פיהרען זיין ווייטערדיגע טעטיגקייט.

לויתן

וואס יעדער סוחר און האנדווערקער דארף וויסען?

דער ריטשאלט פון אומזאץ־שטייער פערברייטערט געווארען אויך אויף קליינאינדוסטריעלער.

די פאראויסגעזעהענע אויסמעסטונג פון אומזאץ-שטייער אין פארם פון ריטשאלט האט געזאלט ארומנעמען נאר בעלי-מלאכות, וועלכע דארפען בעזיצען האנדווערקער-קארטען (די פאכען, וואס זענען אויסגערעכענט אין ארט. 142 פון צעכען - געזעץ לגבי וועלכע עס דארף אויך אנגעווענדעט ווערען די סטאווקע פון 1 און א פערטיל פראצ. פון אומזאץ.

דאס איז אבער נישט נוגע געווען אנדערע פאכען, למשל, לעדער-גאלאנטעריע, טריקאטאזש, וועש, דרוקערייען, העפטער אאוו. – א דאנק די בעמיהונגען פון צענטראלען יודישען האנדווערקער-פערבאנד איז געלונגען אויסצווירקען, אז דאס אויסמעסטען דעם אומזאץ - שטייער אין פארם פון ריטשאלט וועט ארומגעהמען אויך אלע אהן אויסנאהם בעלי-מלאכות און קליינאינדוסטריעלער, וואס קויפען אויס פאטענטען 8-טע קאטעגאריע, ווענענס אומזאץ האט דערגרייכט אין ווארשא 45,000 זל. און אויף דער פראווינץ 35 טויזענד זל. ווי אונז איז בעוואוסט איז שוין אזא פעראררדנונג אונטערגעשריבען געווארען דורכ'ן מיניסטעריום.

וועגען נאוועליזירען דאס געזעץ וועגען האנדעלס־צייט אין האנדעל און מלאכה

דער צ. י. ה. פ. האט אנגעהויבען אנ'אקציע אין די געהעריגע מיניסטעריומס, אז עס זאל נאוועליזירט ווערען דאס געזעץ וועגען דער ארבייטס-צייט אין האנדעל און מלאכה. די ארגאניזאציע שטעלט ארויס פרינציפיעלע פאסטולאטען, אז די קליינע פאבריקען און האנדווערקער-ווארשטאטען און זייערע האנדעלס-אינטערנעהמונגען (ווארשטאטען פאראייניגט מיט געוועלבער), וועלכע זענען צוליעב רעליגיעזע טעמים נישט טעטיג אום שבת און ימים-טובים, זאלען מעגען טעטיג זיין זונטאג און אין חגאות, דערביי זאלען אבגעהיטען ווערען די פארשריפטען וועגען בעשעפטיגען געדינגענע מענשען.

פראיעקט וועגען איינמאהנען חובות.

עס ווערט אויסגעארבייט א פראיעקט פון א געזעץ וועגען אופן פון איינמאהנען צוואנגמעסיג חובות. דאס האט א גרויסע בעדייטונג פאר די האנדווערקער, ווייל לויט די ביזיעצטיגע פארשריפטען איז די פראצעדור געווען א זעהר לאנגזאמע. די האנדווערקער, וועלכע מוזען פערקויפען אויף קרעדיט האבען אפטמאל פשוט נישט געקענט איינמאהנען זייער שווער אויסגעהארעוועט געלד. די האנדווערקער-ארגאניזאציעס פערלאנגען, אז קודם-כל זאלען פריוויליגירט ווערען די חובות וועלכע עס קומט די בעלי-מלאכות.

האנדווערקער־קאמערן און כאלופניקעס־פראגע.

אין ראט פון די האנדווערקער-קאמערען איז פארגעקומען א קאנפערענץ מיט דער בעטייליגונג פון נאטשעלניק פון האנדעלס-אינדוסטריע-מיניסטעריום, ה"ה א. אושילד, סענאטאר וויעכאוויטש דעפ. אידזיקאווסקי, פרעזעס ראסנער און אנדערע, כדי צו רעגולירען די זעהר לאמפליצירטע כאלופניקעס-פראגע, די קאנפערענץ האט פארלויפיג נישט אנגענומען קיין קאנקרעטע בעשלוסען וועגען דער פראגע. אלע אנוועזענדע האבען איינגעשטימט דערמיט, אז דאס כאלופניקעס-פראבלעם דארף נארמירט ווערען דורכ'ן געזעץ, דאס וועט אין דער ערווארטעטער נאוועלע צום אינדוסטריע - געזעץ זיכער בעריקזיכטיגט ווערען.

אין קאמף מיט דער עלעקטראווניע.

ענדליך איז די היגע עפענטליכע מיינונג אזוי די יודישע ווי די קריסטליכע שוין ארויס פון געדולד צוליעב דער שרעקליכער שיקאנירענדער האנדלונג פון דער היעגער עלעקטראווניע לגבי די היגע קאנסומענטען, וועלכע געהט איבער יעדע גרעניץ, און מען האט בעשלאסען אנצוהויבען א קאמף געגען דער דאזיגער אינסטיטוציע, וועלכע האלט פשוט די היגע איינוואוינער פאר איהרע שקלאפען.

אין דער ערשטער רייהע איז דאך דער אונגעהויער הויכער פרייז וואס די עלעקטראווניע נעמט פאר עלעקטרישע פראנד, אזא פרייז וואס קיין שום שטאדט אין פוילען צאהלט נישט דאן די פערשידענע אונערהערטע צוגאבען, דאס איבעררייסען די בעלייכטונג, דאס בעצאהלען פאר'ן צוריק פעררריכטען, דער שטענדיגער אבצאהל פאר דעם, א. א. וו.

זונטאג איז צו דעם צוועק פארגעקומען א מאסען-פערזאמלונג אין לאקאל פון פוילישען האנדווערקער-קלוב, צו וועלכער עס זענען געקומען ביז טויזענד קאנסומענטען פון דער עלעקטראווניע. אלע אנוועזענדע האבען ארויסגעזאגט זייער שרעקליכע פערביטערונג פון די אונערהערטע שיקאנען, וואס ריהרען אן יעדען היגען איינוואוינער. עס איז אויך דערמאנט געווארען דאס וואס אין די שכנות'דיגע שטעדט ראדאמסק און פיעטרקאוו איז די בעפעלקערונג ארויסגעטרעטען מיט א ענהליכען קאמף געגען דער עלעקטראווניע, וועלכע בעשטעהט קודם-כל אין דעם, וואס עס איז ערקלערט געווארען א באיקאט געגען דעם עלעקטרישען ליכט. און אלע איינוואוינער האבען אבגעשיקט די ליטשניקעס, און בענוצען זיך מיט ליכט און נאפטלאמפען.

דאן איז אויך געקומען צום אויסדרוק דער פלאן פון שאפען א אייגענע קאאפעראטיווע געזעלשאפט, וואס זאל שאפען קליינע עלעקטרישע אינסטאלאציעס, אדער דינאמא – כדי אזוי ארום צו צווינגען די עלעקטראווניע בילליגער צו מאכען דעם פרייז

אין רעזולטאט איז בעשלאסען געווארען, אז קודם-כל זאל בענייט ווערען די געזעלשאפט „פעראיין פון אבאנענטען פון עלעקטרישען שטראם אין טשענסטאכאוו", אז אלע איינוואוינער זאלען זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער פון פעראיין און נאכדעם ווי דער פעראיין וועט צוטרעטען צו דער ארבייט, וועט ער אננעמען די נויטיגע שריט צו בעזייטיגען די אלע עולות, וואס ווערען בעגאנגען געגען די מיטגלידער.!

פערשרייבט אייך אלס מיטגלידער.

עס ווערט דעריבער אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם חוב, וואס ליגט אויף יעדען זיך צו פערשרייבען וואס שנעלער אלס מיטגליד פון פעראיין און איינצאהלען 1 זלאטי מיטגליעדס-בייטראג פאר א האלב יאהר, אויף וועלכען זיי וועלען בעקומען פון די בעפולמעכטיגטע אינקאסענטען א בעשטעטיגונג, וועלכע וועט זיי געבען דאס רעכט אנטיילצונעמען אין דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וואס וועט אין קורצען פארקומען.

מיטגלידער פון קליינהענדלער־פעראיין

קענען זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער אין דעם קאנסומענטען - פעראיין אויך אין סעקרעטאריאט פון קליינהענדלער-פעראיין, איינצאהלענדיג 50 גר. פאר א קווארטאל.

פארוואס עסען מיר שלעכט?

ווייל מען פערגעסט דאס א שטיקל צוקער פערבעסערט דעם געשמאק פון די מאכלים.

א שטיקעל צוקער ארייגעטוהן אין די זיך קאכענדע מאכלים, ווי: אלערארט ארביס, מעהרען, שפינאק, קאלאפיארען, קארטאפעל, ברעקסעלקעס, קרויט, פאמעראנצען, צו פלייש-מאכלים, פיש, קלוסקעס, קאשע זיפען פון האבער, פלאטקעס, גיט צו די דאזיגע מאכלים דעם ריכטיגען געשמאק, און דערביי ווערען די מאכלים נארהאפטער. די בעסטע צוגאבען צו די מאכלים זענען

א ביסעלע זאלץ–
א ביסעלע צוקער.

רעוומאטיזם אדער עפיס אנדערש —

די הויפט-זאך איז, איך פיהל מיך ווי דער פולקאם געזונד און קען ווי פרידער ארבייטען, שרייבט אונז צוו. א. פרוי וו. סוסקא, ווארשא, סטארע מיאסטא 4-6. א סך יאהרען האב איך זיך ארומגעדאקטערט בכדי פטור צו ווערען פון מיינע שמערצען, וועלכע איך האב געפיהלט באלד אין די פלייצעס, אין די הענד און פיס. דאס איז אודאי פונ'ם וועטער, א פערקיהלונג—האבען מענשען געזאגט, דא העלפט נאר די ווארימקייט, אבער איך האב אין בעט נישט געקענט אויסהאלטען. דאס איז רעוומאטיזם אדער גיכט – דא מוז מען דיעט לעבען, האבען אנדערע געזאגט איך האב טאקי כמעט קיין פלייש נישט געגעסען און פערשידענס פון דער אפטייק אויסגעפרובט. עס איז מיר אבער וואס אמאל ערגער געווארען, וואס דאס איז באמת געוועזען, קען איך עד היום נישט זאגען. דער עיקר איז, זייט איך האב אנגעהויבען נעמען טאגאל פיהל איך יעצט גארנישט פון מיינע פריהערדיגע שמערצען, און קאן טאקע נארמאל ארבייטען. טויזענדער געפלאגטע זענען דורך טאגאל צוריק געזונד געווארען. ביי רעוומאטיזם, פאדאגרע, רייסען אין די געלענקען, ברעכען אין קזשיזש נערוועז און קאפ-שמערצען, גריפע, פערקיהלונגען און ענהליכע קראנקהייטען ווירקען טאגאל-טאבלעטען שנעל און זיכער. טאגאל שטילט נישט נור די שמערצען, נור איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייט אפילו ביי לאנגיעהריגע ליידען האט מען איבעררעשענדע ערפאלגען דערגרייכט. איבער 6000 דאקטוירים - אטעסטאטען. פרובט נאך היינט אליין אויס, אבער פערלאנגט אין אייגענעם אינטערעס נור טאגאל. ס'איז נישטא קיין בעסער מיטעל.

דער גרויסער וועה - געשריי פון די יודישע שוסטער!

פערגאנגענעם שבת אוונד איז אין האנדווערקער לאקאל פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג, איינגעארדענט דורכ'ן יודישען צעך פון דער לעדער-אינדוסטריע, א. ד. ט. „די עקאנאמישע לאגע און דער רואין פון לעדער-פאך".

דר. אש האלט א גלענצענדען רעפעראט וועגען דער עקאנאמישער לאגע אין פוילען בכלל און בפרט אין דער לעדער אינדוסטריע.

זיין רעפעראט, וואס איז געווען זאכליך און בעשטעטיגט מיט ציפערען האט געמאכט א קאלאסאלען רושם אויף די צוהערער.

וועגען דער טרויגער לאגע פון די יודישע שוסטער און וועגען דער אויסלענדישער פראדוקציע, וואס פערפולט דעם היימישען מארק, ווי „באטא" און אנדערע, רעדען נאך די ה"ה: א. ווייס, סעקרעטאר ה' א. וויענער, א. דזיאלאווסקי, א. דארפגאנג א. אנד.

נאך די רעדעס ווערען אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציעס:

מיר האנדווערקער, וואס זענען פערזאמעלט אויפ'ן מיטינג, וואס איז געווארען צוזאמענגערופען דעם 13 פעברואר 1932 דורכ'ן יודישען צעך פון לעדער-אינדוסטריע אין טשענסטאכאוו, נעמענדיג אין אכט די שווערע לאגע, אין וועלכער עס געפונט זיך די לעדער-בראנזשע אין פוילען און די רואין, וועלכע דראהט די הונדערטער טויזענדער בירגער פון לאנד און אונדירעקט אויך די איבריגע בעפעלקערונג פון לאנד, בעשליסט זיך צו ווענדען צו דער רעגירונג מיט א געהעריגער דרינגענדער ביטע:

1) אז זי זאל נעמען און שוץ איהרע בירגער און איינפיהרען א געהעריגע צאל-פאליטיק, וועלכע זאל בעגרעניצען דעם ארייינפיהר פון אויסלענדישע שיך און פערזיכערן דעם אינלענדישען מארק פאר די אינלענדישע אויסארבייטונגען.

2) נישט דערלויבען אויסלענדישע פירמעס צו בויען שיך - פאבריקען אין פוילען.

3) פערוועהרען דער טשעכישער פירמא „באטא" אנצונעמען צום פעררריכטען שיך.

4) ערגענצען די האנדעלס-טראקטאטען, וועלכע זענען נישט גינסטיג פאר די פוילישע בירגער.

5) צוטיילען מיליטער און רעגירונגס-ארבייטען די בעזונדערע וואיעוואודזטוועס, ווי דורך פערוועהרען אויסצואר-

קליינער פעליעטאן.

וימש חושך . . .

פינסטער, מען טאפט אין דער פינסטער. – מיט אזא מענה-לשון האט מיין שכן ישראל יודל מיך בעגריסט אנשטאט א גוט מארגען.

– כ'וויס, אז עס איז פינסטער—ענטפער איך—און מען זעהט איבערהויפט נישט קיין ליכטיגען שטראהל, וואס זאל די פינסטערניש פערטרייבען.

– נישט די פינסטערניש מיין איך—ענטפערט ער—איך מיין די „ליכטיגע" עלעקטראווניע, וועלכע מאכט אונז פינסטער דאס לעבען.

– די עלעקטריע? – מאך איך צו איהם – אויב אזוי זענט איהר, זאלט איהר מיר מוחל זיין א שוטה. איהר ווילט קעמפען מ-ט דער עלעקטראווניע? נו אדרבה, דערצעהלט מיר אויך ווי אזוי איהר וועט דעם קאמף אנהויבען. אט האט איהר געזאלט בשעתו קעמפען מיט'ן „אולען", דערמאן איך איהם און וואס האט זיך אויסגעלאזט, אז די מוזט צאהלען א „נאדמיאר". און וואס האבען אויפגעטהון די אלע פעראיינען, געזעלשאפטען, האנדווערקער-קאמערען, האנדעלס-קאמערען און ווי זיי הייסען נאך, וואס האבען אונטערגענומען די שטייער-שרויף אביסעל צו פערקלענערן איז לא די, וואס זיי האבען נישט לייכטער געמאכט, ווערט נאך די שטייער-שרויף אלץ ענגער צוגעצויגען, אז מען שטעקט שוין ארויס די צונג.

– אלץ ריכטיג—ענטפערט ער—אבער די עלעקטריע, דאס איז דאך ממש אויס וועלט. עס האט זיך אויף אונז אנגעזעצט א בעלגישע געזעלשאפט, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע אונז, טשענסטאכאווער בירגער אויסצונאגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט און דאס ערגסטע איז וואס ביי אנדערע אמטען קומט אויס צו קעמפען אפען אין דער ליכט, איז מיט דער עלעקטראווניע פונקט קאפויער. דער גאנצער ענין עלעקטריע איז איינגעהילט אין א געדיכטער פינסטערניש.

אלס ראיה לדברי—זאגט ווייטער ישראל יודל—וועל איך אייך דערצעהלען דעם פערלויף פון דער לעצטער גרויסער פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען פון די עלעקטראווניע-קאנסומענטען דעם פערגאנגענעם זונטאג.

דער זאל פון די פוילישע האנדווערקער איז איבערפולט פון יודישע קאנסומענטען כאטש דעם אמת מוז מען מודה זיין, אז 5 פראצענט קריסטען איז אויך געווען, טא איז די ערשטע פראגע פארוואס איז געקומען אזא קליינע צאהל קריסטען? צי זענען זיי נישט אזוי פעראינטערעסירט אין דער פערבילליגערונג פון די פרייזען ווי מיר? ווייטער: מען האלט רעדעס. דאס פרעזידיום רעדט אין זעהר א איינגעהאלטענעם טאן. דאגעגען די פערזאמעלטע שיסען מיט פייער. און וואס האט מען דארט אלץ נישט דערצעהלט. וועגען די ליטשניקעס, וואס מען מוז פאר זיי צאהלען דאס גאנצע לעבען און דאך וועלען זיי פערבלייבען דאס אייגענטום פון דעס עלעקטראווניע. דאן וועגען די שיקאנעס, וואס ווערען אנגעוואנדען מיט אנ'אויסגערעכענטען סאדיסטישען פלאן געגען די קאנסומענטען, וועלכע מען רייסט איבער דעם פראנד, ווען מען פערשפעטיגט מיט איין שעה צו צאהלען און דערצו איז אנגעשטעלט א ספעציאליסט און לאווענדא שמו, און עס העלפט נישט קיין תחנונים, קיין געוויינען, אדער דו בעצאהלסט 5 זל. פאר „צולאנטשען", אויב נישט טא זיץ אין דער פינסטער און – צאהל פאר'ן ליטשניק.

א צווייטער דערצעהלט ווידער וועגען די 10 פראצענט, וואס מען מוז איצט צוצאהלען און אזוי ווי ביי אונז איז די טייערסטע טאריף, קומט דאך אויס, אז די 10 פראצענט זענען אויך העכער.

א דריטער רעדנער ביטערט אויף דעם געוועזענעם שטאדט-ראט, וועלכער האט בשעתו געשלאסען דעם קלוגען אבמאך מיט דער עלעקטראווניע און פיעלדייטיג גיט ער אנצוגעהערען, אז דאס געשעפט איז געשלאסען געווארען נישט מיט קיין ליכטיגע געדאנקען...

א פיערטער דערצעהלט ווידער, אז ער לויפט שוין גאנצע חדשים, אז מען זאל איהם צוריקצאהלען דעם ראבאט וואס איהם קומט לויט'ן אבמאך און זיי, די טייערע ליעבע בעאמטע הייסען איהם יעדעס מאל קומען פון מארגען איבער א יאהר...

מיט איין ווארט—דערצעהלט ווייטער מיין שכן—די פערזאמלונג איז געווען איין שטיק פייער, דער שטורם, וואס האט זיך געטליעט ביי יעדען אין הארצען איז ענדליך אויסגעבראכען און עס זענען געפאלען שווערע דונערענדע ווערטער, מען האט פארגעלעגט פערשידענע פלענער, ווי אזוי מען זאל אנהויבען די מלחמה, אויסלעשען די ליכט, פינסטער זאל זיין—שרייט א קריסטין—דריי-טאגיגער פראטעסט, דעמאנסטראציעס זאל מען איינארדנען—שרייט א יודישער סוחר און דער עולם שרייט בראווא. יא, מיר בעשטעהן, פינסטער זאל זיין, אזוי ווי זיי פערפינסטערען אונזער לעבען, מאכען נייע בלאקען—פאלט א דריטער פראיעקט און דער זאל שטורעמט פון דונערנדע אפלאדיסמענטען, נאר, נאר און דא קומט ישראל יודל צום עיקר, נאר דערווייל איז פון די אלע פראיעקטען גארנישט געווארען, מען דארף זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער, האבען געטענה'ט אין איין קול אלע פערוואלטונגס-מיטגלידער אז איהר וועט זיין מיטגלידער, וועט איהר האבען דאס רעכט צו בעשטימען וואס מען זאל טהון.

הייטט דאס, אז דערווייל האט זיך פון אלע פראטעסטען אויסגעלאזט א בוידעם, מען געהט ערשט מאכען א געזעלשאפט, דאן א פראוויזאריום, שפעטער וואהלען פון א פערוואלטונג און דאן מסתמא א עקזעקוטיווע א. א. וו. קען מען דאך פערשטעהן ווי לאנג דאס אלץ וועט געדויערען ביז מען וועט קענען צוטרעטען צום ענין און דערווייל—פערענדיגט מיין שכן—איז טאקי פאסקודנע, אז מען קען נישט אנטאפען דעם ריכטיגען דופק, אז עס איז פינסטער. די היגע עלעקטראווניע איז די 9-טע מכה פון מצרים, עס איז דער אמת'ער, וימש חושך.

סמאל

בייטען פאַר'ן מיליטער אין די תפיסות-ווארשטאַטען (נייע ארבייטען פאר פרי-וואטע פערזאָנען.

6) איינלאַדנען פאַך-פאַרשטעהער פון די האַנדוועקער-קאַמערן צו די ענט-שפּרעכענדע מאַכט-אָרגאַנען, כּדי אויס-צוהערען זייער מיינונג וועגען דעם אימפּאָרט פון אויסלענדישע שיך און זיי זאָלען פאַרשטעלען די אינערליכע לאַ-גע פון אונזער פאַך.

עס איז זיי געלונגען.

די דירעקציע פון דער יודישער צו-קערניע „מעטראָפּאָל" האָט געטראַכט תחבולות, ווי אזוי קריגט מען אריין די אינטעליגענטע יוגענד אין זייער לאָקאַל אַריין. האָבּען זיי געטראַכט און געטראַכט ביז זיי האָבּען דער-טראַכט.

זיי האָבּען איינגעאָרדענט אַ דאַנ-סינג — טאַנצען, אנגאַזשירט א גוטע מוזיק און דאָס האָט געהאָלפען. דער עולם יונגוואַרג, אנשטאט זיך ארומצו-שלעפּען איבּער די גאַסען אָדער אַג-דערשוואו, קומט מען אין „מעטראָפּאָל" מען זיצט בּיי אַ גלעזיל שוואַרצע קאַ-ווע און בעת די מוזיק שפּילט, טאַנצט מען.

די מוזיק איז אויך ווערט א שבת, וואָכ זי שפּילט פון צייט צו צייט יו-דישע פאָלקס-מוזיק. דער עולם ווילט זיך און עס איז ליהודים.

ווערט טאקע די יודישע צוקערניע בעזוכט און דאָס ביסעל יוגענד ווילט זיך.

עס איז זיי געלונגען.

וויכטיגע הנחה פאר מאַרקשטייער.

די קריטישע לאַגע, אין וועלכער עס געפונט זיך לעצטענס די יודישע בע-פעלקערונג און בפרט די הערשענדע נויט צווישען די היגע יודישע מאַרק-שטייער האָט גורם געווען, אז דער גרעסטער טייל מארקשטייער איז נישט געווען אומשטאנד צו צאהלען אין הי-גען מאגיסטראַט דעם גענוג גרויסען אבצאָהל פאַר'ן פלאַץ אין מאַרק.

דער מאַגיסטראַט האט בעקאַנט גע-מאַכט, אַז די מאַרק - שטייער, וועלכע וועלען ביז דעם 20 ד. ח. נישט בע-צאָהלען דראָהט זיי אראָבגעיאָגט צו ווערען פון פלאַץ.

נעכטען, דאָנערשטאג האָט זיך ווע-גען דעם ענין געווענדעט צום שטאָדט-קאמיסאר אַ דעלעגאציע פון היגען קליינהענדלער - פעראיין מיט'ן פּרעזעס ה' מענדיל עפּשטיין בּראש. עס איז געלונגען אויסצופועל'ן די הנחה, וואס בעשטעהט אין דעם, אַז די מאַרקשטיי-ער וועלען קענען בעצאָהלען דעם אָב-צאָהל אין 2 ראטעס: 1-טע ביז דעם 22 ד. ח. און 2 ביז'ן 5 מערץ.

די מאַרקשטייער, וואָס וועלען אָבּהי-טען די טערמינען וועלען נישט בע-שטראָפט ווערען.

בּרוך-הבּא — מנחם מענדיל איז דאָ!

לייב שריפטזעצערס לעצטע אַרויס-טריטען אין ווארשאווער יודישען לי-טעראַטען-פעראיין זענען געווען פאַר'ן יודישען ווארשא אַ גרויס געשעהעניש.

מחנות מענשען האבּען געשטראָמט צו דער טלאָמאַצקע, וועלענדיג הערען דעם מייסטער פון יודישען הומאָר (ווי די ווארשאווער פּרעסע האט איהם אָנ-גערופען) און דער געדראַנג איז געווען אנ'אונגעוועהנליכער.

דער בעוואוסטער ווארשאווער טע-אַטער-קריטיקער ב. קאַרלינער שרייבּט וועגען הומאָריסט שריפטזעצער: „אַנ'-אָריגינעלער טאַלענט, טעמפּעראַמענט-פול, זיין שטראָמיגער, פייערדיגער אָטעם פון וואָרט און בּילד פערכאַפּט און רייסט מיט דעם צושויער. שריפט-זעצער שפּילט שלום-עליכם'ען, שפּילט איהם מיט אַנ'אייגענעם נוסח—מיט קאָפּ און מיט פייער. ער איז צווישען די אַרטיסטען איינער אויף דעם געביעט פון רעציטאַציע און די שרייבּער פון קלאַסישען הומאָר, ווי שלום - עליכם, מענדעלע מו"ס, משה נאדיר, טונקע-לער, אַנטאָן טשעכאָוו, בּראַנזשע א"א האָבּען אין איהם געפונען דעם אמת'ן אַרטיסטישען אויסשטעלער. שריפטזע-צערס אַרויסטריט אין טשענסטאָכאָוו האט אַרויסגערופען א שטאַרקע פער-אינטערעסירונג.

לייב שריפטזעצער דער פּאָפּולערער און בעליבּטער אַקטיאָר איז אונזער טע-אַטער-עולם שוין גוט בעקאַנט פון זיי-נע אויפטריטען אין דער קאַדיש-כּאַש טרופּע.

ער האָט זיך דאָן בּאַלד פעררעקאָ-מענדירט אַלס ערשטראַנגיגער כאראַק-טער-שוישפּילער מיט'ן איינגעבּוירענעם עכטען שלום-עליכם'דיגען הומאָר און היינטיגען דינסטאָג און מיטוואָך דעם 23 און 24 לוטי וועט דאס טשענסטאָ-כאָווער פּובּליקום האבען די געלעגענ-הייט איהם צו בּעוואונדערן אין האַנד-ווערקער-זאַל.

קאַמף מיט פאַראורטיילען.

טראָץ דעם, וואס לעצטענס זעהט מען די שטייגערונג פון די לאַזונ-גען פאַר ראַציאָנעלער דיעטעטיק, איז פאָרט נאָך פערהאַן דער פאַראורטייל אַז צוקער האַלט צוריק דעם אַפּעטיט בּיי קינדער און ווירקט צו דער ענט-שטעהונג פון זויער-שטאָפען. דאס איז אַ נישט-ריכטיגער און שעדליכער פאַר-אורטייל און שטאַמט פון נישט פער-שטעהן די איינענשאַפט פון צוקער און די רעכט, וועלכע עס ענטהאַלט דער אַמלייכסטען צום פערדייען קוילען-זוי-ער.

די נייעסטע און אונבעדינג ראַציאָ-נעלסטע היגיענישעדיעטעטישע שטרע-בונג צו אַ דערנעהרונג מיט די אַמ-לייכסטען צום פערדייען פלאַנצען-שפּיי-זען און דאס אויסמיידען פלייש-פּראָ-דוקטען און פעטס איז מעגליך איינצו-פיהרען אין לעבען נאָר דאַן, ווען מיר וועלען ווי געהעריג אויסנוצען די ער-נעהרענדע און געשמאַקע אייגענשאַפ-טען פון צוקער, קענענדיג די אייגענ-שאַפט פון בּאַלדיגער זעטיגקייט דאָר-פען מיר נישט דערלאַנגען קינדער מיט אַ שוואכען אפעטיט קיין זיסע שפּייזען אויפ'ן ערשטען עסען און אויך נישט אין מיטען עסען. יעדע מוטער דאָרף וויסען וועגען דעם, אַז קיין שום שפּיי-זען דאָרף מען נישט עסען בּיז דער מאָגען ווערט נישט אויסגעליידיגט. דער פּראָצעס דויערט 3 שעה און דאס נישט צופאסען זיך צו די דאָזיגע אנווייזונ-גען דערפיהרט צו בעשווערונגען, וואס ווערט אָנגערופען זויער-שטאָף.

מיר קענען דעריבּער אָנטהון פער-געניגען אונזער קליינוואַרג און די על-טערע וועלען זיכער נישט פּראָטעסטי-רען און דערלאַנגען ווי אממיינסטען זיסע זאַכען. מען דאָרף דערבּיי געדענ-קען, אַז יעדעס לעפעלע צוקער צוגע-געבּען אַ שפּייזע הויבּט זיין ענטהאַלט מיט 20 קאלאָריעס. דערפאַר האט די לאָזונג „אביסעל זאַלץ—אָביסעל צוקער גרויסע רעכט און ערפאָלג אין טעגלי-כען לעבּען.

א גראַנדיעזער באַל בּיי די לינגוויסטען.

אין די זאָלען פון שטאָדט-ראַט קומט פאָר מאָרגען שבת דעם 20 לוטי 10 א זייגער אָוונד א העכסט אינטערע-סאַנטען באַל א. נ. „מיר ווילען זיך מיט דער לינגוויסטישער באַנדע",

עס זענען פאָרגעזעהן פיעל אָריגי-נעלע אַטראַקציעס, פערווייליונגען, טענץ, ווי די געסט וועלען קענען פער-בּרענגען ביז'ן גרויען מאָרגען.

דער בּופעט וועט זיין זעהר אַ ריי-כער און וועט טראָגען א לינגוויסטי-שען כאַראַקטער...

עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט פאַר ארבּייטסלאָזע.

אַקאַדעמיקער-באַל.

די ציוניסטיש-אַקאַדעמישע יוגענד צוזאַמען מיט'ן פרויען-פעראיין „עזרה" לאַדנען איין אויף דער גרויסער אַקאַ-דעמישער פערוויילונג דעם 27 ד. ח. אין זאַל פון יוד. ספּאָרט-קלוב „וואַרטאַ" וואס וועט זיין רייך אין פערשידענאַר-טיגע אַטראַקציעס

שוואַרצע קאַווע אין דער „וואַרטאַ"

זונטאג, דעם 21 ד. ח. 5 נאכמיטאג קומט פאַר אַ שוואַרצע קאַווע אין איי-גענעם לאָקאַל פון דער „ווארטא", פאר מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

פון בּית"ר.

ווי מיר דערוויסען זיך געפונט זיך אין היגען קן דער מדריך אח יוזעפּאָ-וויטש, וועלכער האט געענדיגט א 3 חדשים'דיגען אינסטרוקטאָרען-קורס אין ווארשאָ אונטער דער אנפיהרונג פון געוו. תל-אביב'ער פּאָליציי-קאָמענדאַנט אדון ירמיהו האַלפּערן.

דעם קורס האט אויך בעזוכט דער ראש בּית"ר אדון זאב זשאַבּאָטינסקי, וועלכער איז געווען ענטציקט פון די דערגרייכונגען, וועלכע די אינסטרוק-טאָרען האבּען דערגרייכט הן אויפ'ן קולטורעלען און הן אויפ'ן פיזישען גע-בּיעט.

דער מדריך אח יוזעפּאָוויטש איז דורך דער נציבות אין ווארשא בּע-שטימט געוואָרען אַלס שטענדיגער אינ-סטרוקטאָר פון היגען קן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אויך אין היגען קן געעפענט געוואָרען אַ אינסטרוקטאָרען-קורס מיט וועלכען עס פיהרט אָן אח יוזעפּאָוויטש.

זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּניס אין טשענסטאָכאָוו.

דעם קומענדען זונטאג וועט טשענס-טאָכאָוו האָבּען זעהר חשובע געסט — נעמליך: די בעליבּטע פאָלקס-זינגער, זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּניס, וואָס וועלען געבּען א גאַנץ נייען רעפּער-טואַר פון נייע פאָלקס-לידער, דועטען, פאָלקס-באַלאַדען, חסידישע ניגונים, כעלמער מעשות און פאָלקס-הומאָר.

די פּאָפּולערע פאָלקס-זינגער האָבּען לעצטענס געמאַכט א רייזע איבּער די גרעסטע שטעדט פון פּוילען, וואו זיי האָבּען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז אלע ליבּהאָבּער פון יודישען פאָלקס-ליעד וועלען פערפולען דעם זאל און שעפען גייסטיגען תענוג פון די פאָרגעטראָגע-נע לידער דורך די פּאָפּולערסטע פאָלקס-זינגער.

גרויסער קאָנצערט לטובת דעם יתומים-הויז.

מאָרגען שבת האלב 9 אָוונד אין פייערלעשער-זאַל, קומט פאַר אַ גרוי-סער קאָנצערט לטובת דעם מושב זקנים ובית יתומים.

אין קאָנצערט נעמט אנטייל דער שטאָדט-חזן ה, יוסף בּאדאש ווי אויך די בעסטע היגע אַמאַטאָרען.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז דער דאָזיגער קאָנצערט, וואס ווערט איינגעאָרדענט פאר אַזאַ וויכטיגען צוועק ווי עס איז דאס יתומים - הויז וועט אונטערשטיצט ווערען פון אלע היגע שיכטען.

גרויסער קאָנצערט פון דער „ליראַ"

ווי מען גיט אונז איבּער גרייט די „ליראַ" פאר אַ עפענטליכען קאָנצערט וואס וועט פאָרקומען אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ.

דערבּיי איז כּדאי צו בעמערקען, אַז די טעג ווערט 10 יאהר זינט דער בע-וואוסטער דיריגענט ה' זאקס איז צום ערשטען מאל ארויסגעטרעטען מיט א עפענטליכען קאָנצערט אין טשענסטאָ-כאָוו.

אין צוזאמענהאַנג מיט'ן 10-יעהריגען יובּילעאום פון ה' זאקס, וועט אויך געזינגען ווערען „די באַנדורע", וואס איז צום ערשטען מאָל, מיט 10 יאהר צוריק אויסגעפיהרט געוואָרען אונטער דער לייטונג פון ה' זאקס.

א נדבה.

אנשטאט בּלומען פאַר דער לייטערין פון דער פּאָווש. שולע № 12 פּרל. לייזעראָוויטש, גיט פרוי לעדערמאַן 5 זל. פאר דער בעשפּייזונגס-אַקציע פון דער דאָזיגער שולע.

צי הייסט דאָס נישט מעביר נחלה געווען?

מיר זענען עמפּפערט פון דער דרייסטער עפענטליכער מעלדונג פון ר' משה ווייַנבּוים אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" נומער 7, אז ער האָט זיינע קינדער נישט מעביר נחלה געווען.

צום גרעסטען בּעדויערן מוזען מיר עפענטליך ערקלערען אַז די מעלדונג פון מ. וויינבּוים שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט.

צי הייסט דאָס נישט מעביר נחלה, ווען אַ פאָטער, אָהן וויסען פון זיינע רעשט קינדער גיט אוועק זיין הויז און זיין נעשעפט איין זוהן?

דוד און **אפרים וויינבּוים.**

אַ געזעגנונגס-בּאַנקעט לכבוד דעם אָבּפאָהר פון ה' קרעמסקי קיין פּאַריז.

מיטוואָך אָוונד איז אין לאָקאַל פון דער האַנדווערקער - בּאַנק אַלעע 12, פאָרגעקומען אַ געזעגנונגס - בּאַנקעט לכבוד דעם אָבּפאָהר פון זייער סעק-רעטאַר ה' מ. קרעמסקי קיין פּאַריז.

בּיי אַ גלעזיל טהיי האָט דעם ח' קרעמסקי געזעגענט די ה"ה פּרעזעס ש. ניעמיראָווסקי, דירעקטאָר בּאָכענעק אין נאָמען פון דער האַנדווערקער-בּאַנק, פּאַר וועלכער דער ה' ק. האָט אָבּגעגעבּען זיין אַרבּייט און מיה א רייהע פון יאָהרען אָהן פעראינטערע-סירונג. אין נאָמען פון רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג" האָט גע-זעגענט ה' ש. פראַנק, אין נאמען פון די האַנדווערקער, פאר וועלכע ה' ק. האָט א סך געאַרבּייט. געזעגענט ה' ש. קאָץ, אין נאָמען פון האַנדווערקער-בּאַנק פּערסאָנאַל פּרל. שטיבּעל. דאַן רעדען נאָך די ה"ה ראָזענבּערג, געלבּער א.א:

ה' קרעמסקי ענטפערט אויף די אַ-לע רעדעס מיט טרעהרען אין די אוי-גען. — דאָ געבּוירען, געשאַפען, גע-אַרבּייט, און דער גורל וויל אָבּער אַנדערש...

די געזעגנונג איז געווען זעהר אַ האַרציגע.

אַ שעהנער טהאַט.

דער טאָז האט די וואָך בעקומען אַנ'אָקט, לויט וועלכען מען האָט גע-קויפט פאַר'ן טאָז, אַ ווילע אין אָסט-ראָוו, וואס זאָל דינען פאר די האַלבּ-קאָלאָניעס פאר די קינדער.

דאָס איז געמאכט געוואָרען אַנאָנים און מען ווייסט נישט וועמעס שעהנער טהאַט דאס איז.

„סילעזיאַ".

אַלעע 20. טעל. 383

רעפּרעזענטאַנץ אין טשענסטאכאָוו נעמט אָן פערזיכערונגען פון פייער, גנבה מיט איינבּרוך, אומגליקס-פאל אאוו,

רעאַסעקוראַציע אין דער שווייץ.

בעזיצט א קאַפּיטאַל פון 60 מיליאָן מיט 600 טויזענד פונט שט.

ספּאָרט.

זשטגס — אָרזעגוב 7:5

פערגאַנגענעם שבת האבען די באָק-סער פון זשטגס געקעמפט געגען דעם גוטען שלעזישען באָקס-קלוב „27 אָרזע-גוב", מיט וועלכען זיי האבען ערצילט אַ גינסטיגען רעזולטאַט, נעמענדיג אין אַכט, וואס צווישען די געסט האבען זיך געפונען אזאלכע ערשטקלאַסיגע באָקסער, ווי ברידער גיטא, ברידער ליזורעק, וואַכאָוויאַק און פּאַליצאַ און דער רעזולטאַט איז פאַר די היגע וויר-קליך א גינסטיגער.

דער גוט-פערשפּרעכענדער שילניצקי2 בעזיגט ניטאַ2 (אָרז.); ווייסבּערג רעמי-זירט מיט'ן זעהר גוטען ליזורעק2 (אָ); זילבּערבּערג רעמיזירט מיט'ן שטאַרקע-רען וואַכאָוויאַק (אָ), יורקעוויטש, וועל-כער פערדינט אויף אַ זיעג, רעמיזירט מיט פּאַליצאַ (אָ); דער אויסגעצייכענ-טער ניטאַ1 (אָ) בעזיעגט נאָך א שעה-נעם קאַמף שיינען אויף פּונקטען און דער אויסגעצייכענטער ליזורעק1 (אָ) בעזיגט שלימערן דורך אַ טעכנישען ק. אָ.— דער אַנוועזענדער פערבאַנדזקאַפּי-טאַן האט געדאַנקט דעם טורן-פעראיין פאַר דער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזאַציע און דעם פּובּליקום פאַר'ן רוהיגען פער-האַלטען זיך.

בּריגאַדאַ וואַרטאַ 4:8

דעם 14 ד. ח. זענען אינ'ם זאַל פון מאַרש. פּילסודסקי פאָרגעקומען די ער-שטע באָקס-קאַמפען פון דער ניי-ענט-שטאַנענער סעקציע בּיים יודישען ספּ.-קלוב „וואַרטאַ". אז די קאַמפען האבען אַרויסגערופען א אינטערעס בעווייזט דער פאַקט, אַז עס האבען זיך פערזאַ-מעלט קרוב 300 פּערזאָן.

פּאַרמעטש: וואָזשניצאַ בעזיגט הויך אויף פּונקטען קאָזאַקן. קאַוואַן בעזיגט מאַנדלען (אַלע וואַרטא). מעטש: גראַ-נעק(וו) בעזיגט פלעבּאַנעקן(ב); בינדער 2 (וו) פערשפּילט קנאַפּ צו רידז (ב); טענטשעווסקי(וו) פערשפּילט דורך א טעכנ. ק. אָ. צום שווערערען יאַניק(ב); קראַקאָווסקי (וו) פערשפּילט דורך א טעכנ. ק. אָ. צום זעהר-גוטען שינסקי(ב) בינדער1(וו) בעזיגט דורך א טעכנ. ק. אָ. בעלצער'ן(ב); קאָרן(וו) איז נישט די-ספּאָנירט און פערשפּילט צו וואַרסקי(ב).

די קאַמפען האבען אין אַלגעמיין צו-פרידענגעשטעלט דאס פּובּליקום.

זשטגס — וויקטאָריאַ.

מאָרגען שבת 8 אָוונד אין יודישען טורן-ספּאָרט-פעראיין קומט פאָר א נעץ-באַל-סעטש צווישען די אויבּענדערמאַנ-טע קלובּען, וואס טרעטען אַרויס מיט זייערע בעסטע מאַנשאַפטען. דער מעטש זאָגט צו צו זיין אינטערעסאַנט.

פון אַסכּלה.

מאָרגען שבת 10 פריה—די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער פוטבּאָל-סעקציע.

9 אָוונד „אַ נאַכט פון הומאָר" אין עוואַנגעלישען זאַל.

פּינג-פּאָנג: אסכּלה (קאָמב)—בּליסקאָ-וויצאַ 3:4. אסכּלה2 — גוויאַזדאַ2 2:4. אסכּלה—גוויאַזדאַ 1:6.

אַ טיכטיגער פּערטרעטער

אין גאַלאַנטעריע-בּראַנזשע (פערקויפט פאר קאַסע) זוכט פּערטרעטונג פון גאַלאַנטעריע אָדער אנדערע אויסאַרבּיי-טונגען אויף מזרח גאַליציע.

גוטע רעפערענצען.

ערקונדיגען אין רעדאַקציע, ג. מ.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
ווּלאַסטאַ בּוריאַן
און די זיסע
אַננאַ אָנדראַ
On i jego siostra
אויך די עמאַציאָנירענדע דראַמאַ, געשטיצט פון אַ ראָמאַן פון אַ אָפיצירס אַ פרוי מיט אַ גענעראַל
Rozstrzygająca Noc
מיט די בעליבּטע סוזי ווערנאַם אין די הויפּט-ראָלע.
צוויי שלאגערס אין איינעם!
לאַכען און טרעהרן אין איין פּראָגראַם.

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קרוזעסלאַ 1 זל.

היינט, פרייטאַג צום לעצטען מאָל
DROGA OLBRZYMÓW
דראַמאַ פון אַמעריקאַנער לעבען אין 12 גרויסע אַקטען.
פון שבּת, ד. 20 ד. ח. גרויסע פּרעמיערע פון נייעסטען שלאַגער
Ludzie morza
אַ קאַמף פון 2 מענער וועגען אַ פרוי, אין די הויפּט-ראָלען:
Georg Bancroft, Jessie Landes, William Boyd און אנד.
איבּער'ן פּראָגראַם: הערליכע קלאַנג-צוגאַבען.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ
Nowości
אַלעע 12
לעצטער סעאַנס 9-30 אָוונד.
[illegible] טערע טעג.

היינט א פילם, וועלכער וועט אלע בעצויבּערען!
KOCHANEK o PÓŁNOCY
און די הויפּט-ראָלען זשאַנעט מאַקדאָנאַלד און רעגינאַלד דען.
איבּער'ן פּראָגראַם: פּאָקס-קלאַנג-פילם.

Redaktor: Izrael Płockier · Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier · Druk. B. Bocian, Aleja 6